STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06207

DER MASKEN BAL FUN DER FARDORBENHAYT

Samuel Burshtyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעמועל בורשטין

דער מאַסקעז באַל פון דער פאַרדאָרבענהייט

דערציילונגען
דיכטונגען
עסייען

1949 — נויאָרק

C. 3

דערשיינונגען פון מיינע ווערק

1916 — אין גאָרטען פון טרוים.

1917 — פעלזען קלאַנגען.

1919 — דער טהורם פון בלויער בענקשאפט.

1922 — דער ספּעקטאַקעל פון די פּיראַמידען.

1929 — אַלטע מענשען ווערען יונג.

1935 — אויף גרויסער וועלט.

1936 — אויף די רעלסען פון אידעאַלען.

1939 — דער גאָלדענער טריאומף.

1943 — דורך בליץ און וואָלקענס.

JOSEPH MEYERHOFF LIBRARY
92-617
899 B

Copyright, 1949, by
SAMUEL BURSHTYN
New York, N. Y.

PJ
5128
.B87.M37

Printed in the U. S. A. by
The Shoulson Press, N. Y.
255



סעמועל בורשטין

א י נ ה אַ ל ט

בילד פון אויטאָר 3
אויף נאָך מעקסיקאָ 7
ביי דעם מיטעל פונקט פון 1948 14
אינטערעסאַנטע אַטמאָספערע 18
אויף דעם גרונד פון טיעפען ים 21
די וואָס דרייען זיך און דער וואָס דרייט זיך 26
דער ספעקטאַקעל פון ציוויליזירטע מענשען און ווילדע אָקסען 28
נאַכט לעבען 36
דער מאַסקען באַל פון דער פאַרדאָרבענהייט 40
די וואַנט פון אַ מוזעאום 45
אַפריל 66
אויף ווידערזעהען 67
צופריעדענהייט 68
פאַסטאָראַל 69
נבוכדנצרס חלום 70
נבוכדנצר פאַרלוירען 71
פיזיאָנאָמיע „בעטהאָווען" 74
בעטהאָווענס וויזיאָן 75
אידעאַלע בענקשאַפט 78

מוזיק געניוס אין גן עדן 79

דער קאַנאַריק אין שטייג 82

ערוואַכונג 83

אויף די פליגלען פון גייסט 84

אַלעגאָרישער ראָמאַנס 85

קריזיס 86

נייע וועלט 87

ביים קבר שאַרל באָדלער 88

פיזיאָנאָמיע שאַרל באָדלער 89

דער וועלט אינספעקטאָר 90

פיזיאָנאָמיע אָסקאַר ווײַלד 91

צום פריהלינג 92

דער באָהעם 93

אָריענטאַלישער ראָמאַנס 94

צום זכרון י. ל. פרץ 95

מיט שיף און באַן און עראָפּלאַן 96

אויף נאָך מעקסיקאָ

צום דריטען מאָל האָב איך מיך באַגעבען צו דעם לאַנד וואָס איז אין אונזער צייט שוין געוואָרען גוט באַקאַנט אין דער גרויסער ברייטער וועלט.

עס זענען פיעלע ביכער געשריבען געוואָרען איבער מעקסיקאָ — און עס איז יעצט נישט מיין געדאַנק מיך צו פאַרנעמען אויף דעם געביעט. דערצו איז נויטיג קאָנקרעט וויסענשאַפטליכער שטודיום פון קאָמפּעטענץ.

מיין וועג איז אַן אינדיווידועלער, אַן אַרטיסטישער, אַ ליטעראַריש דיכטע־רישער — צו שאַפען אַ ווערק אין דער אַטמאָספערע וואָס איז פאַר מיר עטוואָס אַנדערש ווי מיין געוויסע ספערע — און פּילייכט דורך דעם דערגרייכען גינסטיגע רעגונגען און רעזולטאַטען פאַר מיין פּראָדוקט — אויב איך וועל האָבען געטראָפען מיט מיינע טוריסטיש־אַרטיסטישע וואַנדערונגען וואָס מיין פאַנטאַזיע האָט מיר פאַרגעשטעלט.

דער כאַראַקטער און אינהאַלט פון מיין צוקונפטיג ווערק איז מיר זעלבסט נאָך גאַר נישט באַוואוסט — זאָגאַר נישט אַבסטראַקט. און דאָס איז אַ שווע־רער מאָמענט ביי אַ דיכטער.

אַלזאָ איך בין געקומען קיין מאָנטערע (מעקסיקאָ) אין פריהלינג אין נײַנצען אַכט און פירציג. מאָנטערע — די ערשטע גרויסע שטאָדט איבער לאַרעדאָ אויף דעם וועג צו מעקסיקאָ סיטי — איז אַרום געריגגעלט מיט שעהנע הויכע בערג פון פאַרשיעדענע פאָרמען און געשטאַלטונגען. אין מיר האָט זיך געשאַפען אַ באַגריעף אַז מיר קענען רופען די געגענד „די מעקסיקאַנישע שווייץ”, די שטאָדט זעלבסט איז אַן אינדוסטרי פונקט פון וויכטיגער באַ־דייטונג פאַר דעם לאַנד און מיר זעהען שוין דאָ דעם מעקסיקאַנעם כאַראַקטער און אַרטיגקייט וואָס איז פאַרשיעדען און אַנדערש ווי אין מאַנכע אַנדערע לענדער.

איך האָב מיך באַגעבען אין וועג צו מעקסיקאָ סיטי איבער דעם מאָ־דערנעם קולטורווירטען וועג וואָס רופט זיך „פּאַן אַמעריקאַן” — פאַרענדיג אַ דריי און צוואַנציג שטונדען איבער טיטאַנישע געבירג און וואונדערליכע לאַנדשאַפטען וואָס באַגייסטערן און באַוועגען דעם מענשען צו אַ געשטרענגטען אויפנעם פון דער דאָזיגער קאָלאָסאַלער פּאַנאָראַמאַ.

עס שיינט ווי עס דערהויבען זיך פון דער ערד די פאַרשיעדענע געבירגס־לאַנדשאַפטען און אויך די גלייכע נידעריגע שטרעקען ווי אַ ספעקטאקעל פון דער אייביגער נאַטור, גיגאַנטישע פערספעקטיווען וואָס באַרופען די פאַנטאַזיע אין אַ וועלט פון וויזיאָנען. און עס קומען אין געדאַנק מוזיקאַלישע טענער פון אונזערע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרען. עס קומען אין געדאַנק די מאַלערייען פון אונזערע גרויסע קונסטמאַלער — וואָס מיר האָבען געזעהען אין די גרויסע וועלט מוזעאומס.

די אַלטגריכישען סקולפּטורען, וואָס גיבען אונז דעם באַגריף פון דער מאַכט פון נאַטור און וועלט, די פאַנטאַזיע דערשוועבט צום תנ״ך, צו דער ביבעל, צו די העלדען און פּראָפעטען פון דער פאַרגאַנגענהייט וואָס האָבען געקעמפפט פאַר דער גרויסער צוקונפט פון דער מענשהייט, פאַר דער גרויסער צוקונפט פון דער וועלט.

אין מיר שיינט אַז אין דער קאָלאָסאַלער גרויסער מייעסטעטישער נאַטור איז באַהאַלטען דער סוד פון מענשליכער מיסיאָן, וואָס איז נאָך טויזענטער יאָהרען פאַרגאַנגענהייטען דערווייל ביז יעצט נאָך נישט דערגרייכט געוואָרען.

מיר קומען אָן קיין מעקסיקאָ סיטי — אין דעם מעקסיקאַנישען פּאַריז. דערוואַכט אויך די לוסט פון וועלטליכען מאָדערנעם באַגער, צו אָוואַנטויערען און צו אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען. עס וויל זיך געפינען די זעלטענע קוריאָזע פיזיאָגנאָמיען פון שעהנע פרויען געשטאַלטען וואָס ווערען באַגייסטערן און אינספּירירען פאַר דער שעפּפונג פון אַ קונסט ווערק. (נישט יעדער פּאָעט און נישט יעדער מענש איז באַלעבט מיט דעם דאָזיגען כאַראַקטער, באַגער אין פאַרלאַנג). אין מאַנכע אַנטיקע עפּאָכען אין דער מענשליכע געשיכטע איז דער געביעט געוועזען קולטורווירט און עס האָבען זיך דערגרייכט זעלטענע טיעפע איבערלעבונגען וואָס האָבען מיט רעספּעקט געפונען פּלאַץ אין דער דראַמאַ פון מענשליכער נאַטור און זעעלע.

אין אונזער געגענוואַרטיגער צייט זענען די פענאָמענאַלע אייגענשאַפטען געזונקען אין ים פון פּראָזאַישער מדרגה. אין טאָל פון געפאַלענקייט, אין טאָל פון אַ נישט דערגרייכטער רעאַליטעט.

ראָמאַנטיק, רעאַליטעט, זענען צוויי אייגענשאַפטען וואָס האַרמאָנירען און מוזען זיין צוזאַמען, אַזוי גוט ווי די ראָמאַנטיק פון פאַמיליען אידעאַל דאַרף קומען אין קאָנטאַקט מיט דעם רעאַליזם, אַזוי דאַרפט די וועלטליכע ראָמאַנטיק פון סאָציאַלען אידעאַל אויך קומען אין קאָנטאַקט מיט די רעאַליטעט. נאַ־טירליך נאָך די גרונד פּרינציפּען פון אַ פרייער וויסענשאַפט. אַזוי ווי די ראָמאַנטיק פון פאַמיליען אידעאַל איז אַן אַלגעמיינע פאָרמאַליטעט, אַזוי איז די וועלטליכע ראָמאַנטיק אַן אינדיווידועלער פּראָצעס און קען זיך נור מאַני־פעסטירען אין אינטעלעגענטע אינדיווידועלע פאָרמען.

איך באַרוף מעקסיקאָ סיטי „דאָס מעקסיקאַנישע פּאַריז” אָבער דאָס פראַנצויזישע פּאַריז איז געוואָרען דאָס פּאַריז פון דער וועלט, וועלט שטאָדט, אין פולען זין פון וואָרט.

קיין מעקסיקאָ סיטי קומט מען דערוויל נאָך נישט פון דער גאַנצער וועלט. אין פּאַריז קענען מיר אימער געפינען אַן אינטערעס אין פאַרברענגען אין די צייט אַריין, פאַרטרייבען לאַנגווייליגקייטען דורך טאָג און נאַכט. אין מעקסיקאָ סיטי — נישט.

אין מעקסיקאָ סיטי איז נאָך דאָ פּראָווינציאַליזם אָבער מעקסיקאָ סיטי ענטוויקעלט זיך. און געוויסע דערשיינונגען פון גאַסען, געביידעס, אַרכי־טעקטורישע נייקייטען פון שעהנע פאַרמען פאַרגלייכען זיך צו נויאָרק און פּאַריז. אויך פּראַכטפולע רעזידענץ געגענדען פון אַ ריכטיג מאָדערנער דער־גרייכונג. פּאַסעאָ דע לאַ רעפאָרמאַ, די שעהנסטע גאַס אין מעקסיקאָ סיטי, מיט דעם גרויסען פּאַרק שאַפּולטעפּעק דערמאָנען די שענהייט פון שאַמפּס עליזעע פון פּאַריז.

געוויסע געגענדען אין מעקסיקאָ סיטי נויטיגען זיך צו אַבסאָלוטע רע־פאָרמען, און עס זעהט זיך אַ גרויסער קאָנטראַסט צו דער מאָדערנער דער־גרייכונגען אין דער באַרימטער גרויסער שטאָדט.

איך פאַרנעם מיך יעצט אויף דעם וועג צו דער שטאָדט פּועבלאַ. דער וועג איז אויך אַ שעהנער. אין מאַנכע פּלעצער הויך געבירג מיט פיינע אינטע־רעסאַנטע אויסזיכטען און לאַנדשאַפטען.

די שטאָדט פּועבלאַ ווערט געלויבט אַלס אַ ריינע שטאָדט, און אויך אַ גוטער קלימאַט, און מאַכט אַ פיינעם איינדרוק. רוהיג און מילד, גוט פאַר לייט וואָס האַלטען פון אַ קלענערער שטאָדט. נישט גאַר ווייט פון שטאָדט געפינען זיך פּלעצער מיט מינעראַל וואַסערען וואָס ווערט געלויבט און רעקאָמענדירט פאַר דעם געזונד.

איך וועל מיך יעצט פאַרנעמען אויף אַ באַזונדערן פּונקט צו אַ שטעדטעל וואָס רופט זיך „קערנעוואַקאַ” וואָס איז פּאָפּולער איבער גאַנץ מעקסיקאָ. לייטע זאָגען אַז דאָרטען איז דער בעסטער קלימאַט פון לאַנד און מענשען פאָרען דאָרט אָפּט אַהין צו — אַזוי ווי חסידים צו אַ רבי'ן. און עס דויערט אַ צוויי שטונדען מיט אויטאָמאָביל פון דער הויפּט שטאָדט מעקסיקאָ סיטי. דאָס שטעדטעל זעלבסט איז אויך טיפּיש מעקסיקאַניש, און עס איז אויך דאָ מאַנכע שעהנע מאָדערנע האָטעלען. אין אַלגעמיין — אַן אינטערעסאַנטער טוריס־טישער פּונקט.

מיט אַ צוויי שטונדען ווייטער פאָרען, קומען מיר אין דעם זעהר באַרימטען און גוט באַקאַנטען שטעדטעל „טאַסקאָ”. דער וועג איז אויך איבער הויכע בערג און שעהנע לאַנדשאַפטען. מעקסיקאָ איז אויך גאַר רייך מיט בערג, און ווער קען וויסען וויפעל אוצרות עס ליגען פיליכט באַהאַלטען אין די

דאָזיגע בערג? און עס קומט אַ געדאַנק אַז מעקסיקאָ וואָלט זיך אפשר גאָר אויך באַדאַרפט רופן „בערגסיקאָ" און די מעקסיקאַנער — נאָך אַ נאָמען — בערגסיקאַנער. דאָס לאַנד איז פיעל מיט בערג, און ווי זענען די גרויסע אינזשינירען און מאָדערנע ווישנשאַפטלער וואָס זאָלען קענען אויסגעפינען די אוצרות אין די בערג — און מאַנכע בערג דערגידערין פאַר דעם אויפבוי פון נייע שטעדט און נייע דערפער, פאַר פראָדוקטיווע פעלדער און פרוכט גערטנער?

דאָס שטעדטעל „טאַסקאָ" איז רייך מיט זילבער אוצרות, און דאָרטען ווערען אויסגעאַרבייט באַצירונגען פון זילבער פון ספעציאַליסטען אין האַנד אַרבייט און דורך אַנדערע טעכנישע מיטלען, וואָס ווערט פאַרקויפט איבערן לאַנד און אויך אין אויסלאַנד. זיי באַצירען און דעקאָרירען דעם מענשען מיט שעהנע באַצירונגען וואָס גיבט דעם מענשען פאַרגעניגען און אינטערעס, אויך דאָס געפיהל פאַר דעם איז אין דער מענשליכער נאַטור.

דאָס שטעדטעל „טאַסקאָ" איז קוריאָז, איז זעלטענהאַפט. אין די בערג, אויף די בערג, און אַרום אין בערג. עס זענען דאָ אינספּיראַציאָן מעגליכקייטען פאַר קונסט מאָלער, און פיליכט אויך פאַר שריפטשטעלער און דיכטער? פילייכט אויך פאַר מוזיקער־קאָמפּאָזיטאָרען? איך קען וועגען דעם באַשטימט נישט דערקלערען ווייל איך בין נור דאָ געוועזען איניגע שטונדען. עס איז אַ סימפּאַטיש שטעדטעל, פראַכטפולע אויסזיכטען און הויכע בערג אַרום און אַרום, און דערמאָנען אַז טאַסקאָ איז אַן אוניקום איינציג אין דעם גרויסען לאַנד „מעקסיקאָ".

* * *

יעצט ליעבער לעזער, וועל איך דיר דערציילען אַ סוד, נור עס זאָל בלייבען ביי אונז. איך האָב פיעלע מאָל געהערט אַז אין וואַדעלאַכאַראַ זענען דאָ די שעהנסטע פרויען פון מעקסיקאָ. נו, פאַרשטייט זיך, אַלס דיכטער און פּאָעט, האָב איך דאָס גענומען פעסט אין געדאַנק. און מיין טרוים איז געוועזען אַז איך מוז קומען אין דער דאָזיגער שטאָדט. דער נאָמען וואַדעלאַ־כאַראַ האָט געקלינגען און גערעגט מיין פאַנטאַזיע, איך האָב מיר פאַרגעשטעלט אַ וועלטליכע שטאָדט, ווי אַ שטייגער, אַ קליין פּאַריז. אין מיין גלויבען, וואָס איך האָב זיך צו געהערט צו דעם און צו יענעם, האָט זיך מיר אויסגעוויזען אין מיין וויזיע, אַז איך זעה וואונדערליכע שענהייטען. ווי עס וויזט אויס בין איך נאָך אַ לייכט גלויביקער, און איך צווייפעל אויב מאַהאַמעד האָט זיך פאַרגעשטעלט גרעסערע שענהייטען ווי מיין פאַנטאַזיע האָט זיי געזעהען. הכלל, עס איז געוואָרען אַן אידעאַל פון מיינע אידעאַלען צו קומען קיין וואַדעלאַכאַראַ און זעהן פערזענליך די זעלטענע פיזיאָנאָמיען, פערעלדיגע געשטאַלטונגען,

מענשליכע דיאַמאַנטען, נאַטירליכע בריליאַנטען, און עס וועט פיליכט מיר אויך העלפען אין די אינספּיראַציאָן פאַר מיין צוקונפטיגעס ווערק.

אַלזאָ, איך בין געפאָרען קנאַפּע פופצען שטונדען איבער נאַכט אויף דעם וועג נאָך וואַדעלאַכאַראַ, צו דער שטאָדט פון שעהנע פרויען. צו מיין מזל געפין איך מיך שוין אַכט טעג אין שטאָדט און זוך די זעלטענע שענהייטען — און איך קען זיי בשום אופן נישט געפינען. פרעג איך מיך זעלבסט? צי קענען מיר שוין גאָר נישט זיין זיכער וועגען דעם וואָס מיר הערען זיך צו, אַזוי ביי לייטען, עס איז הפנים נישט פּראַקטיש צו זיין אַ לייכט גלויביגער.

אָדער אפשר זענען די אַזוי געריפענע שעהנע געשטאַלטען פאַרטיפט אין דעם נייעם טעסטאַמענט? און האָבען ווייניג צייט זיך צו ווייזען פאַר דער וועלט (עס איז באַקאַנט אַז פרומקייט שפּיעלט דאָ אַ גרויסע ראָלע).

וואָס בלייבט פאַר מיר יעצט צו טהון? בין איך געפאַלען אויף אַ פּלאַן מיך צו פאַרטיפען אין דעם אַלטען טעסטאַמענט און אַזוי נאָך פאַרגעסען די גאַנצע פאַרצווייפעלטע פאַרלעגענהייט און פּטור אַן עסק.

דער פאַקט איז אָבער אַז די שעהנע סינאָריטעס וואָס זענען פיליכט אַזוי פאַרטיפט אין דעם נייעם טעסטאַמענט, קען מען לייכט אַרויס הייבען פון דער פאַרטיפונג. ווייל דער נייער טעסטאַמענט איז גאָר נישט אַזוי טיעף. נור אַז איך וועל מיך פאַרטיפען אין דעם אַלטען טעסטאַמענט וועט מיך זיין שווער אַרויס צו הייבען.

עס ווערט דערציילט אַז אַ געוויסער גרויסער תנא האָט זיך אַמאָל פאַר־טיפט אין דעם אַלטען טעסטאַמענט האָט מען נישט געוואוסט ווי ער איז אַהין געקומען, האָט מען גערדינגען צוועלף גיבורים, ים טאַוכער, אַז זיי זאָלען דעם תנא געפינען און אַרויס הייבען פון דער פאַרטיפונג. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז נאָך דריי טעג אָנשטרענגונג האָבען זיי אַרויס געהויבען אַ ריזיגע שווער אנגעלאָדענע שיף, און דעם גרויסען תנא — נישט.

דערפון איז געדרונגען אַז דער אַלטער טעסטאַמענט איז אפילו טיעפער ווי דער ים, און קרעפטיגער ווי אַלע גיבורים צוזאַמען גענומען.

וואַדעלאַכאַראַ איז יעדענפאַלס אַ באַדייטענדע שטאָדט מיט אַ פיינעם געזונטען קלימאַט. און פיעלע מענשען וואָס נויטיגען זיך ספּעציעל צו די באַשטימטע קלימאַטישע באַדינגונגען קענען דאָ געפינען די גינסטיגע רעזול־טאַטען.

אַזוי ווי אין מעקסיקאָ סיטי רעגענט כמעט יעדען טאָג נאָך מיטאָג אָדער שפּעט נאָך מיטאָג פון ענדע מאַיי ביז ענדע סעפּטעמבער, אַזוי רעגענט אויך אין וואַדעלאַכאַראַ. אָבער נור ביי נאַכט, אַרום צוועלף, איינס, אָדער שפּעטער. ביי טאָג איז זוניג און שעהן. אין וואַדעלאַכאַראַ איז אַ מין קאַליפאָרנישער קלימאַט, און מיר זעהען דאָרטען הויכע פּאַלמען בוימער און פאַרשיידענע נאַטור פאַרגלייכונגען ווי אין מאַנכע פלעצער אין קאַליפאָרניען.

* * *

נעבען וואַדעלאַכאַראַ, איבער אַ שטונדע צו פאָרען, קום איך קיין טשאַפּאַלאַ, אַ שטעדטעל מיט אַ גאַר גרויסען טייך וואָס לענגערט זיך אויף וויטע לאַנגע שטרעקען, באַקאַנט אַלס „לייק טשאַפּאַלאַ״ דער גרעסטער טייך אין מעקסיקאָ. די געגענט דערמאַנט אָן די פראַנצויזישע און איטאַליענישע ריוויערא, און אויך אָן מאַנכע פלעצער פון דער שווייץ. אַ פּראַכטפולע נאַטור געגענד מיט אַ ווייטען שטח שעהן געפאָרמטע בערג אַ קעגען איבער פון ברעג, ווי מענשען קומען זיך דורכשווימען אונטערן פרייען הימעל און זיך באַשיינען מיט די שטראַלען פון דער צערטליכע זון און אַריין נעמען אין זיך געזונד און לעבען. עס איז אַ קליין שטעדטעל, מילד און רוהיג. גוט פאַר געטראָפענע פאַרליעבטע, און פאַראייניגטע פון מאַן און ווייב צום פאַמיליען אידעאַל, אָדער גלאַט אין דער וועלט אַריין. אַ פאַראייניגונג פון נאַטירלעכע נייגונגען אָדער פון גייסטיגע און אויך דורך דעם כאַראַקטער פון ליעבע אין אַלע מענשליכע פאָרמען און מעגליכקייטען וואָס דאָס מענשליכע אידעאַל קען געשטאַלטען. עס איז אויך אַ פלאַץ פאַר פאַמיליען מיט קינדער, אַ פלאַץ פאַר רוה נאָך אַנגעשטרענגטע אַרבייט. אָבער פאַר אָן איינזאַמען אינדיווידום וואָס באַגערט דראַמאַטישע רעגונגען פון קונסט, מוזיק און אַוואַנטויער, סאָציאַלע מדרגה פון וועלטליכען פאַרנעם, דיכטערישע גייסטיגע אינספּיראַציאָנען אויסער די נאַטירליכע שעהנע אייגענשאַפטען פון פלאַץ קענען מיר דערווייל דאָס נישט געפינען דאָ. אויף דעם איז די פראַנצויזישע ריוויערא יאָ קולטורווירט געוואָרען און פאַרנעמט דעם אויבען אָן, דעם ערשטען פלאַץ אין דער אַלגעמיינער וועלט.

איך האָב מיר פאַרגענומען אין מיין געדאַנק צו בלייבען דאָ אַ צוויי חדשים פאַר מיינע ליטעראַרישע ווירקונגען. און איך האָב מיך אַרום געזעהן. אַז אַ וואָך צייט וועט דאָ זיין פאַר מיר גענוג. און איך וועל דאַרפען ענדערען מיין פלאַן און זוכען נייע פלעצער, נייע האָריזאָנטען און נייע טוריסטישע באַגעבענהייטען און אוצרות וואָס קענען באַגייסטערן און פאַרטרייבען אויך לאַנגוויילינקייטען און געבען רעגונג און לוסט צו שאַפען און ווירקען מיט טינט און פעדער.

איך האָב אויך געמאַכט אַ וויזיט אין אַ קליין שטעדטעל נישט ווייט פון טשאַפּאַלאַ מיט אַ מאָדנעם נאָמען, דאָס שטעדטעל רופט זיך „אַרכיקוק״. דאָרטען קומען מאַנכע מאַלער אויך פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען ווירקען און שאַפען אויף דעם געביעט פון מאַלעריי און סקולפּטור. אויך צוליעב עקאָנאָמיע, וואָס די מערסטע אַרטיסטען און דיכטער טאָרען נישט פאַרגעסען און מוזען אויך זיין פּראַקטיש, ווי ווייט מעגליך.

דאָס שטעדטעל האָט אין זיך נאַטירליכע שענהייטען, לענדליכע רוהיגקייטען און פּרימיטיווען כאַראַקטער. מאַנכער קינסטלער געפינט דאָרט באַגייסטערונג

צום שאַפן און פּראָדוצירן. איך האָב מיך מיט איניגע באַקענט אין די צוויי שטונדען וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט.

* * *

איך האָב מיך אַלזאָ באַגעבען אויף דעם וועג צוריק קיין מעקסיקאָ סיטי, ווייל דאָ, און אויך אין וואַדעלאַכאַראַ איז מיר געוואָרען לאַנג ווייליג. עס איז דאָ אין וואַדעלאַכאַראַ אויך אַ קליינע אידישע פיינע געזעלשאַפט אַזוי ווי אין פּועבלאַ, אַזוי ווי אין מאָנטרעע. מיט אייגענע קלובען, אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג פאַר אַ גרויס שטעדטישען, וואָס האָט שוין פאַרבראַכט אין פיעלע גרויס־שטעדט פון דער וועלט. און מיר קענען זאָגען אַז וואַדעלאַכאַראַ איז אויך אַ סימפּאַטישע שעהנע שטאָדט. ווי מאַנכע טוריסטען געפינען אויך אַן אינטערעס צו קענען און צו זעהען.

אויף דעם וועג צוריק צו דער הויפּט־שטאָדט האָב איך געמאַכט אַ וויזיט אין מורעליאַ (מיטשוקאַן) פאַרענדיג שוין ביי־טאָג און געזעהען די פּראַכטפולע לאַנדשאַפטען און געבירג אויף דעם וועג. מורעליאַ איז אַ קליינע שטאָדט, אויך אַ שעהנע רואיגע שטאָדט, סימפּאַטיש. איך האָב פאַרבראַכט דאָ צוויי טעג און האָב גענומען דעם וועג צו מעקסיקאָ סיטי צו. אין טאָג צייט. ווי איך וועל קענען זעהען די לאַנדשאַפטען, געבירג און די שטעדטליך וואָס לויפען פאַרביי ווי אין אַ פילם.

און עס איז געווען וואָס צו זעהען. אויך אויף דעם וועג האָט די וואונדער־ליכע נאַטור קאָלאָסאַלע, מייעסטעטישע פּערספּעקטען.

איך בין צוריק געקומען קיין מעקסיקאָ סיטי ווי עס רעגט זיך אויך אַ אידיש לעבען, אַ אידישע סביבה, אידישע צייטונגען, זשורנאַלען, פאַרזאַמ־לונגען, עס דערשיינען אידישע ביכער, עס דוכט זיך אויס ווי עס וואָלט געווען אַ קליין נויאָרק. אויך אַ פיינע אידישע געזעלשאַפט, אידישע שולען. די אידען רעדען אידיש, רעדען שפּאַניש, און ביי דעם אַלעם איז אָפטמאָל לאַנגווייליג ווי ביי אונז אין דער גרויסער שטאָדט, אין דעם גרויסען נויאָרק.

מעקסיקאָ, זומער 1948

ביי דעם מיטעל פונקט פון 1948

נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פון דער צווייטער וועלט מלחמה האָבען מיר זיך פאַרגעשטעלט אַז דאָס ליכט פון דער זון וועט אָנפאַנגען צו שיינען איבער אונזער וועלט מיט מילדע צערטליכע שטראַלען.

ווייל נאָך אַזוי פיעל בייזקייט און שלעכטס וואָס האָט פּאַסירט אין די לעצטע געשיכטליכע יאָהרען וואָס מיר געפינען נישט קיין פאַרגלייך אין אַלע פריערדיגע פאַרגאַנגענהייטען, איז נאַטירליך דאָס מענשליכע געפיהל גענייגט פאַר אַן ענדערונג אויף דעם וועג צום גוטען — איז אָבער געפיהל און נאַטור צוויי באַזונדערע אייגענשאַפטען וואָס רעאַגירן אויף באַזונדערע פאַרשיעדענע וועגען אין אונזער מענשליכער עקזיסטענץ.

קאָנפליקטען און קאָמפּליקאַציעס האָבען זיך אָנגעפאַנגען מאַניפעסטירען אין פיעלע לענדער, און ביי פיעלע פעלקער.

און דער הימעל פון האָפנונגען איז פאַרוואָלקענט געוואָרען, און אַריין געבערענגט אין אַ פאַרצווייפלונג אין אַ פּעסימיזם די גלויביגע וועלט, וואָס דערוואַרט דעם נייעם זיכערן קיום פון יושר און גערעכטיגקייט.

עס האָבען פּאַסירט דערשיינונגען, אין נאָך די מלחמה יאָהרען, וואָס מיר האָבען דאָס גאָר נישט דערוואַרט צו זעהען.

פרעגען מיר זיך ווי זענען די גרויסע קרעפטען וואָס דאַרפען שאַפען די מעטהאָדען פון אַריין ברענגען די סאָלידע אָרגאַניזאַציאָן נאָך דער גרויסער טרויעריגער קאַטאַסטראָפע?

ווי אַזוי קענען מיר באַשטימען דעם וועג צום נייעם לעבען, און צו דעם נייעם וועלט פאַרבאַנד?

אַ לעבען פאַר פריעדען און אַלגעמיינע פאַמיליאַריטעט.

ליידער זעהען מיר נאָך דערווייל נישט די סימפטאָמען פון דער דאָזיגער פאַרשטעלונג, און מיר מוזען זיך קרעפטיגען מיט קוראַזש און ענערגיע זיך נישט צו פאַרלירען אין דעם געגענוואַרטיגען כאַאָס פון נישט דערגרייכטע רעזולטאַטען.

אַ גאָר גרויסער אַקט פון 1948 איז געווען די פּראָקלאַמירונג אידישע מלוכה, דערקענונג צום אידישען פאָלק, צום אידישען לאַנד. אויך מיט דער

סימפּאַטיע פון די גרויסע וועלט קרעפטען, פאַר דעם אידעאַל וואָס איז טויזענטער יאָהרען אין דער נשמה פון אידישען פאָלק. האָט זיך אויך אָבער דערוואַכט דער פינסטערער באַרבאַרישער גייסט ביי די פיינד פון אידישען פאָלק, און האָבען אָנגעפאַנגען אַ מלחמה געגען דעם טויזענט יאָהריגען אידעאַל, וואָס איז געוואָרען שוין באַשטימט פון דער העכסטער דיסטאַנץ און מאָראַלישע פּרינציפּען ביים גרינעם טיש פון פאַראייניגטע נאַציאָנען. מיר האָבען גע־גלויבט אַז ענגלאַנד וועט שפּיעלען אַ גינסטיגע ראָלע. ענגלאַנד, וואָס פּרע־טענדירט צו דער גרעסטער סימפּאַטיע פאַר דער ביבעל, פאַר דעם תנ״ך.

האָט זיך אָבער אַרויס געוויזען אַז זיי, די ענגלענדער טראָגען די ביבעל אין אַ קאָרב אויף דעם קאָפּף, און אין דעם קאָפּף — אין הערץ — טראָגען זיי די ביבעל פון קאָמערץ. דער איד אָבער טראָגט די ביבעל, דעם תנ״ך, אין הערץ, אין קאָפּף, און אויף דעם קאָפּף דעם קאָרב מיט די ביבעל פון קאָמערץ.

דאָס איז אַלזאָ צוויי עקסטרעמען.

האָבען זיך אָנגעהויבען שאַפען קאָנפליקטען און קאַמפּפען.

דער צוזאַמענשטויס פון צוויי מאָראַלישע באַגריפען און אַנשויאונגען.

דער איד, שוין אין אייגען לאַנד, האָט זיך אָנגעפאַנגען פיהלען פּסיכאָ־לאָגיש און רעאַל אַלס אַ פאָלק. האָט אָנגעפאַנגען רעאַגירען דורך זייער אייגענער מאָראַל און מענשליכע פּרינציפּען.

קומט אָבער ענגלאַנד, אַן אויסערליכע מאַכט וואָס האָט נאָך אין זיך די שטאַמען און וואורצלען פון אַלטע קעניגרייכען, און שטעלט זיך דערגעגען.

אין מאָדערנעם ראַציאָנאַלען פאַרנונפט האָט ענגלאַנד גאָר באַדאַרפען גיין האַנד אין האַנד מיט דעם אידישען פאָלק, און זיין דער בעסטער פריינד פון דעם אידישען אידעאַל, צו דער אידישער רענעסאַנס, ווייל אידישע רענעסאַנס מיינט אויך די גוטע ווירקונג פאַר דער וועלט אין אַלגעמיין.

דער איד איז געטריי דער וועלט, ווירקט און אַרבייט פאַר דער וועלט אין בעסטען זין פון וואָרט.

און דער מענש, וואָס ווייסט וועגען דער געשיכטע פון דער פאַרגאַנ־גענהייט, קען געפינען פיעלע ביישפּיעלען און פאַקטישען באַווייז פאַר דער ריכטיגקייט פון דעם דאָזיגען באַגריף.

זעהענדיג ווי דער איד האָט פון אַ מדבר געשאַפען אַ לאַנד פון לעבען, זעהענדיג ווי דער איד האָט אַריין געלייגט זיינע כוחות טאָג און נאַכט אין זיין הייליגען לאַנד און באַוויזען וואונדער אין דער וועלט מיט אַזוי פיעל ענערגיע און אידעאַליסטישע באַשטרעבונגען, קענען זיך נאָך היינט צו טאָג געפינען אַזעלכע פינסטערע באַרבאַרען און פאַרדאָרבענע באַשעפענישען וואָס ׳אַלען אָנפאַנגען אַ מלחמה מיט דעם טויזענטער יאָהרען געליטענעם גלות פאָלק.

און ווי איז דאָס געוויסען פון דער וועלט ? — צו דולדען אַזעלכע געוויסענ־

לאַזע פאַרברעכערייען אין אונזער מאָדערנער צייט פון פּראָגרעס און ציוויליזאַציאָן.

עס פאַרגינען נישט די שונאים דאָס אידישע פאָלק, אויף זייער עלעמענטאַרען רעכט און אייגענטהום. איך רוף דאָס נאָך נישט, דאָס גליק, וואָס דער איד באַקומט זיין לאַנד, זיין מלוכה, עס איז דערווייל נאָך נישט דאָס לאַנד פון זבת חלב ודבש. דאָס אידישע פאָלק מוז נאָך פיעל ענערגיע און קראַפט פאַרווענדען צו ברענגען דאָס לאַנד צו דער אייגענטליכע מדרגה.

וואָס זענען דאָס די פינסטערע באַרבאַרען געוואָרען אַזוי אייפערזיכטיג אויף דאָס קליינליכע עלעמענטאַרעס גליק פון דעם פיעל געליטענעם גלות פאָלק?

די שונאים פון אידישען פאָלק זענען געווען כיטרע זיך פאַרצושטעלען אַז אין ליכט פון אידישען געניוס, וועלען זיי, די שונאים און פינסטערע באַרבאַרען בלייבען אין שאָטען פון שאַנד פאַר זייערער אייגענער נישט דערגרייכטער מענשליכער פאָלקאָמענהייט.

און דערפאַר שרעקען זיי זיך דאָס אויך.

דאָס איז אַ ווילדער פרימיטיווער איינפאַל וואָס מיר קענען נור באַמערקען ביי אַזעלכע פינסטערלינגען און אַזיאַטישע באַרבאַרען.

און מיר זעהען אַז דער בעסערער פּראָגרעסיווער טייל פון דער מענשהייט האָט אַרויס געוויזען סימפּאַטישע נייגונגען פאַר די אידישע באַשטרעבונגען און אידעאַלען. זיי באַגרייפען אַז דאָס אידישע פאָלק וועט ווערען אַ גינסטיגע קראַפט פאַר דעם קיום און עגזיסטענץ פון אַ מענשליך לעבען אויף דער אַלגעמיינער וועלט.

אונזערע נביאים, פּראָפעטען, האָבען געגעבען דעם באַווייז, אַזוי אַבסאָלוט און עקסטרעם זיך צו פאַרנעמען מיט דעם יושר, גערעכטיגקייט פון געטליכער מענשליכער מיסיאָן. און דאָס אידיש לאַנד, דער אידישער הימעל האָט געגעבען דעם כאַראַקטער און געשאַפען דעם לייט מאָטיוו, און געוויזען דעם וועג פון אונזערע און אַלמענשליכע אידעאַלען.

קומען יעצט אויך די עגיפּטער, די מצריים, אין אַ מלחמה מיט דעם אידישען פאָלק און לאַנד. זיי זענען געווען אין דער אַלטער צייט באַרבאַרען און זיי זענען דאָס אויך אין דער נייער צייט. עס פאַרבענקט זיך זיי נאָך אַ נייעם משה רבנו, וואָס זאָל זיי מכבד זיין מיט נייע מאָדערנע צען מכות.

זיי האָבען געוואוסט ווי אַזוי צו באַלזאַמירען זייערע אויסדערוועהלטע זיי זאָלען זיך גוט האַלטען נאָך דעם לעבען. זיי האָבען אָבער נישט דעם כאַראַקטער ווי אַזוי זיך צו האַלטען גוט און מענשליך ביי דעם לעבען.

און זייערע יעצטיגע אַקטען דערמאָנען אונז אָן די אַלטע דעספּאָטען: נבוזרדן, נבוכדנצר, נעראָן, און אַנדערע דעספּאָטען זייערס גלייכען, וועמען מאָדערנע רעוואָלוציאָנערען וואָלטען געגעבען צו פאַרזוכען די קראַפט פון דער מעכטיגער באָמבע.

ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי נאָך ווייניג פראַגרעסירט אין פאַרלויף פון טויזענטער יעהריגער געשיכטע אַז זיי זאָלען זיך יעצט נעמען באַקעמפּפען די גערעכטע אידעאַלען און באַשטרעבונגען פון אַ פאָלק.

און ווי איז דאָס וועלט געריכט וואָס זאָל זיי נעמען צום גרינעם טיש און באַשטראָפען, פאַר זייערע מערדערישע טעטיגקייטען. ווען די אידען האָבען בעסער געוואָלט זיין פירציג יאָהר אין מדבר און נישט בלייבען אין דעם לאַנד פון די מצריים, קענען מיר זיך שוין פאָרשטעלען ווי ווייט דער בעסטיאַלישער באַרבאַריזם פון די עגיפטער האָט דערגרייכט.

זיי האָבען זיך געיאָגט נאָך די אידען, זיי האָבען געזעהען אַז זיי פאַרלירען אַ פעאיגע קראַפט ווען זיי וועלען קענען נאָך מעהר אַזוי שקלאַפיש אויסנוצען און באַהערשען. און זייער סוף איז געווען אַז די נאָכיאָגענדע אַרמעע איז דערטרונקען געוואָרען אין דעם ים.

נאָך דער דאָזיגער מפּלה, וואָס זיי האָבען געזעהען אין דעם גאָטס האַנד, האָבען זיי פאַרלוירען דעם חשק ווידער צו יאָגען זיך נאָך די אַנטלויפענדע פון שקלאַפערײַ.

יעצט, אין צוואַנציגסטען יאָהר הונדערט, נאָך טויזענטער יאָהרען פאַר־גאַנגענהייט, האָט זיך ביי זיי ווידער דערוועקט דער חשק צו־באַזיגען און צו באַהערשען דאָס אידישע פאָלק.

דאָס זענען הײַנט אויך די קאַפּריזען פון די דעספּאָטישע מצריים, און די אַראַבישע פינסטערלינגען ווען די וועלט דאַרפט רופען צום וועלט געריכט פאַר דין וחשבון.

דאָס אידענטהום פון דער וועלט האָט אַריין געלייגט שווערע אוצרות אין דעם ארץ ישראל, און יעצט קומען די אַראַבישע און עגיפּטישע פינסטער־לינגען צו באַרויבען און באַגזלענען דאָס אידענטהום פון דער וועלט. דאָס אידענטהום פון דער וועלט האָט באַוויזען צו זיין אין אַ מלחמה מיט אַלע זיינע שונאים, און וועט אויך זיין אויף דער וואַך צו באַקעמפּפען אַלדאָס שלעכטס און זיינע שונאים פון איבעראַל, און וועלען זיכער זיין די העלדען ווען דער מאָמענט און די צייט וועט זיי באַרופען צו דעם.

מאַיי, 1948. טשאַפּאַלאַ (מעקסיקאַ)

אינטערעסאַנטע אַטמאָספערע

לאַנגווייליגקייט, קענען מיר אַריין רעכענען צווישען די שלעכטע איבלען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט. און אַזוי ווי אַ געזונטע ריינע לופט איז גוט פאַר דעם לעבען און פאַר דער קראַפט פון אונזער פיזישער עגזיסטענץ, אַזוי איז אויך אַן אינטערעסאַנטע אַטמאָספערע. עס האָט אין זיך די אייגענשאַפטען פסיכיש צו סטימולירען אונזער גייסטיגקייט, קרעפטיגען אונזערע געדאַנקען און טעמפעראַמענטירען די דראַמאַטיק און וויכטיגקייט פון לעבענס לוסט און לעבענס אינהאַלט, וואָס איז אַזוי וויכטיג און נויטיג אין אונזער קיום העולם.

ליידער איז דער דאָזיגער ענין גאָר נישט קולטורווירט געוואָרען אין פאַרלויף פון אונזער געשיכטליכער פאַרגאַנגענהייט, און ביליאָנען שלעכטע רעזולטאַטען פון לעבענס טראַגעדיען האָבען פאַסירט איבעראַל אין אַלע צייטען ביז צום היינטיגען טאָג. און ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך עס וועלען זיך מאַניפעסטירען די טראַגישע פאַסירונגען וואָס קענען זיכער באַקעמפפט און אויסגעוואָרצעלט ווערען פון אונזער געזעלשאַפטליכער און מענשליכער וועלט.

מיט דעם פּראָבלעם פון „אינטערעסאַנטער אַטמאָספערע” דאַרפען זיך פאַרנעמען די גרעסטע וויסענשאַפטלער פון אַלע געביעטען, פסיכאָלאָגען, סאָציאָלאָגען, דאָקטוירים, נאַטור קענער, ליטעראַטען, פּאָעטען, מוזיקער, אַרטיסטען פון אַלע פאַרשיעדענע פאַרמען.

פאַרשטייט זיך אַז אויך די רעגירונג פון יעדען לאַנד, דאַרף נעמען אַ גרויסען טיכטיגען אַנטייל אין דער דאָזיגער וויכטיגע ראָלע וואָס זאָל דאָס געזעלשאַפטליכע און אינדיווידועלע לעבען באַלאַנסירען אויף גאָר נייע העכערע גראַדען פון אַ געהויבענער קולטור און ציוויליזאַציאָן.

מיליאָנען מענשען קענען זיך ריכטיג נישט קיין אָרט געפינען אויס לאַנגווייליגקייט אין אַ לעבען וואָס האָט אַ קליינעם, און אונבאַדייטענדען, אָדער גאָר נישט קיין אינהאַלט. די מעהרסטע צאָל שטעדט אויף דער אַלגעמיינער וועלט האָבען נישט אין זיך דעם כאַראַקטער צו געבען דער געזעלשאַפט און דעם אינדיווידום דעם ריכטיגען מעדיום פון לעבענס דראַמאַטיק. פּאָליטיק, פּרעסע, טעאַטער, קונסט אין אַלגעמיין, פאַמיליענטום, און באַקאַנטשאַפטען — זענען

נאָך נישט בכוח און געגוג צו באַוועגען דעם מענשענס לעבען אין אַן ערא פון צופרידענהייט און שפּאַנענדען אינטערעס וואָס איז אַזוי וויכטיג און געזונד פאַר אַלע און פאַר איינצעלע.

דער פּראָצעס פון פאַמיליען לעבען און דאָס גליק פון קינדער געבורט און ענטוויקלונג, דער וועג צו דער דערגרייכונג צו דער ווייטערער יוגענד אַריין איז געוויס זעהר אינטערעסאַנט און גיבט אונז אַ געוויסען גליק און פאַרגעניגען. אָבער דאָך איז דאָס אַלעס נאָך נישט גענוג פאַר אונזער עגזיס־טענץ. רעליגיאָנען קענען אויך נישט דעם מענשען פאַרנעמען אין יעדען זין פון דאָ זיין — אויף דעם ערדישען — און הימלישען קאָסמאָס.

מיר זעהען, אַז רעליגיעזע, האַלב רעליגיעזע, אָדער פריידענקער, אַטע־איסטען, זיי ליידען אַלע מעהר אָדער ווייניגער פון דעם איבעל, לאַנגווייליגקייט, זיי זוכען דאָס צו פאַרטרייבען דורך אַרטיפיציעלע מיטלען, דורך טרינקען, דורך שפּיעלערייען פון פאַרשיעדענע פאָרמען, זיך צו פאַרגעסען און אַפּטרייבען די צייט אין לייכטזיניגקייט אָדער אין אַ געמאַכטען ערנסט פון קאָמופלאַזשען מיט קליינע נישט באַדייטענדע ווירדיגקייטען.

זיך פאַרנעמען מיט ליטעראַטור, קונסט, מוזיק, איז געוויס פון גאָר גרויסער וויכטיגקייט, אָבער דאָס אַליין איז אויך נאָך נישט גענוג צו פאַרנעמען דעם פלאַץ פון דעם מעדיום „אינטערעסאַנטע אַטמאָספערע". און מיר קענען ליידער זאָגען אַז אויך אין די גאָר גרויסע וועלט שטעדט איז די לופט און אימגעבונג אויך פיעל מיט לאַנגווייליקייטען. וואָס פאַרלענגערט נישט דאָס לעבען ביי פיעלע מענשען און האַלט אויך נישט אויף דאָס געזונד וואָס אַן אינטערעסאַנטע אַטמאָספערע וואָלט געוועזן בכוח צו טהון.

עס וועט אויך זיין די פליכט פון די באַרופענע פאַרטרעטער פון די פאַראייניגטע נאַציאָנען זיך אויך צו פאַרנעמען מיט דעם דאָזיגען פּראָבלעם פון שאַפען אַן אינטערעסאַנטע אַטמאָספערע אין דער אַלגעמיינער וועלט, וואָס זאָל זיין בכוח צו באַלאַנסירען און סטימולירען דאָס מענשליכע געזעלשאַפט־ליכע לעבען צו געזונד און גליק, פסיכיש און אויך פיזיש. פאַר דעם אינצעלנעם אַזוי אויך פאַר דער אַלוועלט.

די אַלטע דאָגמען מוזען רעווידירט ווערען. אַן אַלגעמיינע רעוויזיאָן אין אונזער פאַרגאַנגענהייט, געגענוואַרט און פאַר דער צוקונפט. דורך געבליצט פון העלסטען ליכט פון דער וויסענשאַפט און לאָגישען קלוגסטען דענקען, מיט פאַרשטאַנד און שכל. עס מוזען אויפטרעטען די גייסטיגע אינזשינירען וואָס זאָלען פאַרניכטען צום גרונד די פיינדשאַפטען און נידעריגע נאַרישע פאַראורטיילען פון פאָלק צו פאָלק, אַ פאַראייניגונג פון אַלוועלט און אַלפעלקער־שאַפט וואָס דאַרפט אַרום נעמען יעדען שטח פון אַלע נאָענטע און ווייטסטע פּערספּעקטען.

אַן אינטערעסאַנטע אַטמאָספערע קען פיעלע מענשען צוריקהאַלטען פון רכילות און בלבולים אויף וואָס זיי זענען פעאיג צו שאַפען איבער די איבלען פון לאַנגווייליגקייטען.

ווען זיי האָבען נישט די ריכטיגע אַרט און פאָרם, זוכען זיי סענסאַציאָנעלע צושטרייאונגען פון פרימיטיווען פראָווינציאַנאַליזם און אויסגעטראַכטע נאַרישקייטען, וואָס זענען בכוח צו ברענגען שלעכטע געפערליכע רעזולטאַטען.

יעצט שטעלט זיך די גרויסע פראַגע — ווי אַזוי? און וועלכע פאָרמען דאַרפען זיך געשטאַלטען אין אונזער לעבען וואָס זאָלען זיין גינסטיג פאַר דעם מעדיום פון אַן אינטערעסאַנטער אַטמאָספערע אין העכסטען באַגריעף פון וואָרט? דאָס קען אַזוי שנעל נישט פאַרענטפערט ווערען. אויף דעם נויטיגט זיך גייסטיגע קאָנצענטראַציאָן פון פיעלע באַרופענע קרעפטען, פון זאַגאַר געניאַלע ערפינדער, און געניאַלע דענקער, וויסענשאַפטס לייט און פסיכאָלאָגען.

אַן אַרבעט וואָס קען געדויערען יאָהרען פון אָנשטרענגונג, וואָס זאָל זיך נור פאַרנעמען מיט דעם דאָזיגען געביעט אַליין. און פאָלגליך וועט דאָס זיין אַ שעפּפונג וואָס וועט ברענגען גוטע פרוכט און גוטע רעזולטאַטען אין אונזער מענשליכען לעבען, און אונזער אַלגעמיינער געזעלשאַפט — ווי אויך פאַר דעם אינדיווידום — און פאַר דער פערזענליכקייט.

מעקסיקאָ סיטי. זומער 1948

אויף דעם גרונד פון טיפען ים

אין מעקסיקאָ סיטי פלעג איך פון צייט צו צייט זיך אַריין כאַפּען אין אַ קאַפע און פאַרברענגען אַ צוויי־דריי שטונדען. איך בין געווען אויף מיין פּלאַץ איינזאַם. אַרום און זענען געווען די פּלעצער פאַרנומען און די באַרעדעווו־טיקייט פון עולם האָט זיך געלאָזט הערען אפילו ביי טויבע מענשען. דאָס מיינט נישט אַז דאָס איז נור אַ מעקסיקאַנער אייגענשאַפט. איך האָב דאָס אויך ביי געוואוינט אין נויאָרק, מאַדריד, פּאַריז און אויך אין אַנדערע שטעדט. און איך האָב געגעבען אַ טראַכט אַז די אַלע קאַפּעען ווי די באַרעדעוודיקייט לאָזט זיך אַזוי שטאַרק הערען — מוזען פילייכט באַזוכט ווערען פון מענשען וואָס האָבען בדעה צו ווערען צוקונפטיקע פּראָפּעסיאָנעלע רעדנער, און קומען דאָ יעדען טאָג פּראַקטיצירען, אַ מין פּאָפּולערער אוניווערזיטעט.

נו, טראַכט איך מיר, געזונטערהייט, זאָלען לייטע אויסריידען וואָס זיי ווּונשען און באַגערען, ווי איז צו דעם שטימען וואָס קען נעבעך גאָר נישט רעדען און מוז כסדר מאַכען מיט די הענד און גלאָצען מיט די אויגען.

הכלל, נעבען מיר האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אַ פּערזאָן וואָס האָט מיר אויס־געזעהען צו זיין אַ ביסעל פאַנטאַסטיש און מאָדנע. ער האָט מיך באַגריסט ווי ער וואָלט מיך שוין געקענט אַ פּאָר וואָכען. און איך האָב איהם עדעל צוריק באַגריסט אַזוי ווי איך וואָלט איהם שוין געקענט אַ פּאָר טעג.

מיר האָבען אָנגעפאַנגען אַ געשפּרעך (אויך געוואָרען מיטגלידער אין דעם אַלגעמיינעם כאָר פון באַרעדעוודיקייט). און ער האָט מיר באגעבען אַז ער איז אַ זוכער און ערפינדער פון ים אוצרות.

איך האָב ביז יעצט נאָך קיין מאָל זיך נישט געהאַט דערוואוסט פון אַזאַ פּראָפעסיע. איך בין געוואָרען זעהר נייגיעריג און באַרוישט — אַ זוכער און ערפינדער פון ים אוצרות — האָב איך נאָך געזאָגט מיט פאַרוואונדערונג.

— דאָס וואָס איהר הערט — האָט ער מיר געענטפערט. פרעג איך איהם וואָס זענען די אוצרות? זעלטענע פיש? ריזיגע וואַלפיש? אַנדערע מינים קוריאָזע פיש פון פאַרשיעדענע סאָרטען? — מיר איז באַקאַנט אַז פון דעם דאָזיגען מסחר קענען אויך געזאַמעלט ווערען אוצרות און רייכטימער, פיעלע מענשען האָבען פון דער פּרנסה געמאַכט גרויסע פאַרמעגענס.

— נײן, מײַן ליעבער פרײַנד, דאָס איז װײַט נישט מײַן געביעט. איך זוך געזונקענע שיפען װאָס זענען צו גרונד געזונקען מיט ריזיגע פאַרמעגענס פון גאָלד און זילבער, דיאַמאַנטען, טייערסטע פערלען, װאונדערליכסטע קוריאָזען. איך זוך שיפען װאָס זענען געזונקען מיט באַהאַלטענע סודות װאָס זענען ביז יעצט נאָך קײן מאָל ענטדעקט געװאָרען און די װעלט נויטיגט זיך צו דערװיסען אַזעלכע סודות.

איך זוך אַזעלכע פענאָמענאַלע אָביעקטען אין דער טיעפעניש פון די ים־ען װאָס די װעלט האָט נאָך ביז יעצט קײן מאָל נישט געזעהען.

אַ שװערער קאָמפּליצירטער געביעט, מורמעל איך אָנשטרענגענדיג מײַנע אויגען צו איהם. דאָ גיבט מײַן נײַ־באַקאַנטער אַן עפען אויף אַ פּאַקעט װאָס ער האָלט נעבען זיך און װײַזט מיר אַ ים טאַוכער בגד פון מאָדערנסטער טעכניק.

און ער גיבט מיר איבער, אַז ער איז נישט אַלײן, אַז עס איז דאָ אַ מיט־גלידערשאַפט פון צװעלף טויזענט פערזאָן אין דער דאָזיגער ספּעציאַליסטישער ים טאַוכער אָרגאַניזאַציאָן — זוכער און ערפינדער פון ים אוצרות און ים סודות — און אויב איך װיל נור, װעט ער מיך באַקענען מיט דעם פּרעזידענט, און אויב עס װעט זיך אַרויס װײַזען אַז איך װעל האָבען די אַלע אייגענשאַפטען און מעלות װאָס איז נויטיג פאַר דער דאָזיגער מיסיע װעל איך װערען אויפ־גענומען אײנשטימיג פון דעם דאָזיגען ריזיגען פאַראײן, און איך װעל גלײַך װערען פּרעזענטירט מיט אַ מאָדערנעם ים טאַוכער בגד פון לעצטער װיסענ־שאַפטליכער טעכניק.

איך האָב איראָניש געשמײכעלט און זאָג צו איהם: ליבער פרײַנד! װאָס דענקסט דו אַז איך בין נאָך אַ יונגערמאַנטשיק? װאָס דו קומסט צו מיר מיט אַזאַ פּראָפּאָזיציע?

— אָט דערפאַר, װײַל דו ביסט שוין קײן יונגערמאַנטשיק ביסט דו גינסטיג פאַר דער דאָזיגער פּראָפעסיע — ענטפערט ער מיר אין אַ טאָן פון זיכערקײט — יונגע לײַטליך האָבען אין זינען ראָמאַנסען, אַנדערע אװאַנ־טויערען פון יוגענדליכע אַמביציעס, לײַכטע שפּיעלערײַען, פּונקט װי קינדער האָבען זײערע נאַטירליכע נײַגונגען, אָבער עלטערע מענשען זענען מעהר קולטורווירט פאַר דעם דאָזיגען ענין, איך מײן עס ערנסט.

— ליעבער פרײַנד! — ענטפער איך איהם — איך קען אײַך באַגעבען אַז אַן עלטערער מענש בין איך טאַקע זיכער, נור װעגען ראָמאַנסען טראַכט איך נאָך מעהר װי צען יונגע לײַט צוזאַמען גענומען.

דאָ גיבט זיך מײַן מעקסיקאַנער פרײַנד אַ צו לאַך אויפען גרויסען שטײַגער, אַזוי, אַז דער אַלגעמײנער געזעמעל אין קאַפע איז געװאָרען אויפמערקזאַם, און ער זאָגט צו מיר: דו װעסט שנעלער געפינען אין ים צען לעגענדאַרע נימפען צו ליעבען, אײדער דו װעסט געפינען אײן רעאַלע געליעבטע אויף דער ערד צו ראָמאַנסירען.

זאָג איך איהם, אַז ער איז נישט געווען גענוי אינפאָרמירט וועגען דעם דאָזיגען ענין, און איך דערצייל איהם אַז אויף מיינע באַזוכען אין פראַנקרייך, ספּעציעל אין פּאַריז, און אין דער פראַנצויזישע ריוויערא, האָב איך פּערזענליך געזעהען ווי עלטערע לייט האָבען ראָמאַנסירט און געפינען ראָמאַנסען. — אַלענפאַלס, זאָלען מיר די געשפּרעכען איבערלאָזען פאַר אַן אַנדער צייט, זאָג איך, דערצייל מיר בעסער וואָס פאַר אַזעלכע דערפאַרונגען דו האָסט געהאַט ביז יעצט אין דיינע אידעאַליסטישע ים זוכענישען?

דאָ האָט מיין פריינד זיך געגעבען אַ פאַרטראַכט אין אַן ערנסטער פּאָזיציע און מיר געענטפערט: — איך זאָל דיר דערציילען וועגען די אַלע דערפאַרונגען וואָס איך האָב געהאַט ביז יעצט, וועט פאַרנעמען אַ לאַנגע צייט. איך וועל דיר נור דערציילען איינינע פּאַסירונגען אויס דעם פאַרלויף פון מיין פאַנטאַסטישער פּראַקטיק, אַלס אַ זוכער פון ים אוצרות און טיפעס ים גע־היימניסען. און דאָ פאַנגט ער מיר אָן צו דערציילען:

ביי אונז אין קלוב האָט אַמאָל אַ געוויסער שרייבער געלעזען אַ דער־ציילונג, וואָס האָט זיך גערופען „אין דעם לאַנד פון לענדער". ווי עס דערציילט זיך, אַז דאָרטען זענען אָפּגעשאַפט געוואָרען אַלע שלעכטע איבלען און אַלע בייזקייטען. אַ לאַנד וואָס קען זיך פאַרגלייכען צו אַ גן עדן. און דאָס האָט באַוויזען אויפצוטהון אַן אָרגאַניזאַציאָן וואָס האָט זיך גערופען די „כירור־גאַנטישע באַוועגונג".

יעדער מיטגליד פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט האָט שטודירט פּיעלע יאָהרען און האָט זיך וויסענשאַפטליך ספּעציאַליזירט אַלס אַ ספּעציאַליסט ווי אַזוי אָפּצושאַפען דאָס שלעכטע און בייזע פון דעם דאָזיגען לאַנד.

מיר קענען זאָגען אַז יעדער כירורגאַנט איז אויך געווען אַ גרויסער אינז־שיניר פון סאָציאַלער סטרוקטור, אַרכיטעקט צו אַ נייעם מענשליכען אויפבוי, וואָס זאָל זיך פיגורירען אַלס אַ לעבעדיגער מאָדעל פאַר אַלע לענדער פון דער אַלגעמיינער וועלט.

דער כירורגאַנט האָט אונטער גענומען אָפּעראַציעס מיט אינסטרומענטען וואָס זענען ספּעציעל געשאַפען פאַר דער באַשטימטער שלעכטער בייזער אייגענשאַפט, וואָס האָט נור געקענט ווערען אָפּגעשאַפט דורך כירורגאַנטישע אָפּעראַציאָנען. ביי אַנדערע דערשיינונגען האָט זיך געפאָדערט אַנדערע מעטהאָדען.

אַלזאָ, מיר קענען זאָגען אַז יעדער מיטגליד פון דער דאָזיגער באַוועגונג איז געווען אַ ספּעציאַליזירטער דאָקטאָר פון סאָציאַלער מענשליכער סטרוקטור. זיי האָבען אויף געבויט אַ שטאָדט פאַר אונהיילבאַרע בלינדע מענשען מיט גינסטיגע וועגען און גערטנער. ווי יעדען טאָג איז אַראַנזשירט געוואָרען קאָנ־צערטען און טעאַטער פאָרשטעלונגען. דער בלינדער האָט זיך דאָ געפיהלט ביי זיך אין דער היים. אַ פיינע רואיגקייט איבעראַל אַרום, קיין אויטאָמאָבילען אָדער אַנדערע סאָרטען פאַרקערס אָביעקטען — דרויס אַ שטאָדט פאַר בלינדע.

די בלינדע האָבען זיך אויסגעלערנט פּראָדוצירען אַרטיקלען וואָס זענען געווען נויטיג, און זענען פאַרברייט געוואָרען אין פיעלע ערטער און געגענדען. זיי האָבען אויף געבויט אַ שטאָדט פאַר אַלע אָרעמע ליידענדע הפקר קינדער, ווי זיי זענען געוואָרען געשפּייזט צו זעטיגקייט און באַקליידט מיט שיינקייט, געצערטעלט מיט מענשליכער ליעבע. פּאַווילאָנען ווי זיי זענען געוואָרען געלערנט נאָך זייערע געבוירענע נייגונגען און פעאיגקייטען.

זיי האָבען מאָביליזירט אַלע אָרעמע מענשען פון לאַנד און עטאַבלירט פאַר יעדען די מעגליכקייט און באַרעכטיגונג פאַר דער נויטיגער זאָרגלאָזער עקזיסטענץ, גייסטיג און פיזיש. זיי האָבען געשאַפען אַ שטאָדט פאַר אַלע קראַנקע נישט געזונטע מענשען ווי זיי זאָלען ווערען געהיילט און געבראַכט צוריק צו דעם געזונט.

די שטאָדט האָט געהאַט אַלע וויסענשאַפטליכע עקספּערטען און אַלע לעצטע דערגרייכונגען פון טעכנישע ערפינדונגען און ציוויליזאַציאָן, וואָס איז נייטיג פאַר דעם צוועק.

זיי האָבען געשאַפען אַ שטאָדט פאַר קרומע, הינקענדיגע און אַנדערע סאָרטען פעלערדיגע ליידענדע. זיי האָבען פּרוכטבאַר געמאַכט ריזיגע ווייטע שטרעקעס פון דער ערד ווי עס האָט געשפּראָצט און געבליהט מיט פּראָדוקטען פון כל טוב. די כירורגאַנטען זענען אויך איבער מלחמה־ישע פּערספּעקטען, און ווען זיי האָבען באַמערקט אַז עס קאָנפליקטירט זיך ערגיץ ווי אַ מלחמה — האָבען זיי גלייך גענומען אָפּערירען מיט זייערע בלאַנקע אינסטרומענטען די מלחמה צו פאַרמיידען אַזוי שנעל ווי מעגליך.

— איין קליינינקייט, וואָס זיי האָבען אַלץ באַוויזען אויפצוטהון אין דעם דאָזיגען „לאַנד פון לענדער״...

אַלזאָ, ליעבער פריינד! עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַן עקספּעדיציאָן מיט אַ ריזיגע שיף — אַזוי ווי ביי אַ רייזע צום נאָרד פּאָל, אָדער זיד פּאָל, צו דערגרייכען איבער די ווייטע ים־ען צו דעם „לאַנד פון לענדער״. ווי זיי זאָלען קענען לערנען אַ ביישפּיעל אויף פאַר זייער אייגען לאַנד און מדינה.

די שיף האָט געהאַט אַ מאַנשאַפט פון אַ דריי הונדערט פּערזאָנען.

און אין אַ געוויסען שעהנעם מאָרגען האָבען זיי זיך גענומען אין ווייטען וועג אַריין. נאָך דריי טעג פון וואַנדערען איבערן ים האָט זיך די שיף צוזאַמען געטראָפען מיט אייניגע שווימענדע ים מינען וואָס שטאַמען פיללייכט פון מלחמהישע צייטען, און די שיף האָט אָנגעהויבען צו זינקען.

זיי האָבען אויף דעם מאָמענט אַרויס געשיקט אַן אַלאַרם ראַדיאָ טעלעגראַם אין אונזער צענטראַלע און מיר האָבען זיך געגעבען אַ נעם אין וועג אַריין מיט צוועלף ערעפּלאַנען־לופט פעסטונגען מיט אַלע נויטיגע מכשירים און רעטונגס שיפלעך, מיט אַלעם וואָס קען נור זיין בייהילפיג אין דעם דאָזיגען מאָמענט.
נאָך אַ טאָג פון העלדישע אָנגעשטרענגטע ווירקונג האָבען מיר באַוויזען

צו ראַטעווען און צו באַפרייען די דריי הונדערט פערזאָן פון דעם מעגליכען אונגליק. און איך דענק אַז די פּאַסירונג איז ביי מיר אַריינגערעכענט צווישען די וויכטיגסטע דערשיינונגען אין מיין ים טאָוכערישע פּראַקטיק. נאַטירליך האָב איך אויך פיעל דערפאַרונגען געהאַט וואָס דערגרייכען ביז צום גרונד פון טיעפען ים, אָבער וועגען דעם וועל איך מיט אייך אַ מאָל אין אַן אַנדערער צייט זיך דורכרעדען, ווייל יעצט איז ווייניג צייט ביי מיר נאָך געבליבען — מיר האָבען היינט אַן אַלגעמיינע צוזאַמענקונפט, דאָס מיינט אַ גענעראַל פאַרזאַמלונג וועגען זעהר וויכטיגע פראַגען פון אונזער געגענוואַרט און צוקונפט.

דאָ האָט מיין פריינד זיך אויף געשטעלט און מיר געגעבען די האַנד און געזאָגט: אַדיאָס! אַמיגאָ! און איז אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג.

איך האָב מיך פאַרטראַכט, ווי אַזוי קענען מיר געפינען די נויטיגע אוצרות אויף דעם גרונד פון טיעפען ים צו העלפען די מיליאָנען אָרעמע, ליידענדע מענשען און קינדער, וואָס מיר באַגעגענען אין אונזער יעצטיגער וועלט — הונגער, עלענד, אונגליק, און מיר געפינען נאָך דערווייל נישט קיין מיטלען פאַר די דאָזיגע נויטיגקייטען און פפליכטען און מיר קענען זיכער געפינען די וועגען ווי אַזוי צו שאַפען די נויטיגע הילף פאַר די מיליאָנען ליידענדע קרבנות פון אַ שלעכטער אָרדנונג און סיסטעם.

און איך קום צום געדאַנק, אַז איך וועל פיליכט יאָ ווערען אַ מיטגליד אין דער דאָזיגער ים טאָוכערישער אָרגאַניזאַציאָן און העלפען זוכען די גרויסע אוצרות אין די טיעפענישען אויף דעם גרונד פון ים.

מעקסיקאָ סיטי, זומער 1948

די וואָס דרייען זיך — און דער וואָס דרייט זיך

איך האָב אַמאָל באַגעגענט אַ פּערזאָן וואָס האָט געהאַלטען אין איין דרייען זיך אַהער און אַהין. ער האָט דאָס גערופען שפּאַצירען. אין דער ווירקליכקייט איז דאָס נישט געווען דער פאַל, נור אַ געזעץ פון דער נאַטור. עטוואָס אַ געהיימע קראַפט האָט איהם פון צייט צו צייט אַרויס גערופען זיך צו דרייען אַהער און אַהין, ביז ער איז שוין מעהר אָדער וויניגער אָנגעשטרענגט געוואָרען איבער די קרעפטען האָט ער זיך צוריק באַגעבען אין זיין היים צו די רואיגקייט און צום שלאָף. און איך בין געווען געניגט צו גלויבען, אַז פיליכט די זעלבע קראַפט וואָס באַוועגט אונזער ערד פלאַנעט זיך צו דרייען, באַוועגט אויך דעם דאָזיגען מענשען דערצו — דער זעלבער פּראָצעס.

עטוואָס איז אויך דאָ אין דער נאַטור פון מענשען זיך צו דרייען.

ווען דער באַרימטער וואַלצען קאָמפּאָזיטאָר שטראוס האָט געשאַפען זיינע וואַלצען, אַז די מענשען זאָלען זיך קענען דרייען צום טאַקט פון וואונדערליכע שעהנע מעלאָדיען, האָט ער ווירקליך גרויסעס געשאַפען. עס איז געוואָרען פאַראייניגט טרוים, פאַנטאַזיע, גענוס פון שעהנע מעלאָדיען, אַ ווילען אויך צו באַהאַלטען אין זיכרון מאַנכע סענטימענטען און ראָמאַנטישע שטימונגען (אין דעם פּראָצעס פון דרייען זיך).

אָבער דרייען זיך גלאָט אין דער וועלט אַריין, באַגרייפען מיר, איז נישט קיין גרויס פאַרגעניגען. קינדער האָבען זיך ליעב צו דרייען אין דער קאַרוזעל, עטוואָס עלטערע האָבען זיך ליעב צו דרייען אין אַנדערע מעכאַנישע טעכנישע באַוועגליכקייטען, וואָס די פּאָפּולערע לונאַ פּאַרקס און ספּאָרט פּלעצער אין אַלע שטעדט האָבען אַראַנזשירט פאַר דעם לייכטען ספּאָרט און שפּיעל.

עטוואָס מוז זיין אַן אייגענשאַפט אויך אין דער מענשליכער נאַטור פאַר דעם פּראָצעס פון דרייען זיך.

עס זענען דאָ מענשען ווען זיי וועלען זיך נישט ערגעץ ווי אַריין דרייען (כדי זיי זאָלען זיך דאַרפען צוריק אַרויס דרייען), וועלען אויסגיין פאַר לאַנגוויילינקייט, זאָל עס אפילו זיין אַריין צו דרייען זיך אין אַ שווערען קאָנפליקט אָדער אין אַנדערער צרה אַריין — אַבי מיט צומאַכען דעם פּראָצעס פון דרייען

זיך. אויך איך, ליעבער לעזער, בין פון דער נאַטור געבענשט מיט דער דאָזיגער אייגענשאַפט פון דרייען זיך.

און עס זענען דאָ אין אונזער מאָדערנער צייט פיעלע מיטלען וואָס קענען צוריק האַלטען פון דער דאָזיגער ליידענשאַפט — אַזאַ שטייגער, דער ראַדיאָ, אויך שעהנע רעקאָרדס אויף דער וויקטראָלאַ, טעלעוויזיאָן, קינדערליך (אַז מען האָט), אַ שעהנע קלוגע ווייבעל (אַז מען האָט) און אויך פרנסה (אַז מען האָט).

אָבער מענשען, אַוואַנטוריסטען, קענען די אַלע זאַכען נישט פיעל העלפען. זיי מוזען ווי עס איז זיך ערגעץ געבען אַ דריי — צי אַהין, צי אַהער, עס איז אַ פאַקטישער געזעץ.

און דער זעלבער געזעץ עגזיסטירט אויך אין דער פּאָליטישער וועלט. אויך ביי די מאָדערנע רעגירונגען און ביי די מאָדערנע געוועלטיגער.

עס איז גאָר נישט נויטיג צו זיין אַזאַ גרויסער אַסטראָנאָם ווי גאַלילעא צו באַמערקען ווי עס דרייט זיך אויך אין דער פּאָליטישער וועלט, אין דער סאָציאַלער וועלט, אין דער רעליגיעזער, אין דער נישט רעליגיעזער, מיט איין וואָרט — עס דרייט זיך איבעראַל.

אויך מיר אידען זענען נישט אונטערשטעלונג אויף דעם דאָזיגען געביט.

ווער געדענקט דאָס נישט די אַלטע צייטען ווען ס'איז געקומען אַ פסח, אַ סוכות, אַ חול המועד — ווי מיר האָבען זיך געדרייט איבער די הויפּט גאַס פון שטעדטעל, און אפילו געדרייט מיט אונזערע שטעקעלעך אויך.

איבערהויפּט איז דער איד פון טויזענטער יאָהרען שוין צו געוואוינט צו דעם דאָזיגען ענין פון דרייען זיך.

ער האָט אַלע מאָל געמוזט פון און לאַנד אַרויס — און אַן אַנדערען לאַנד אַריין. אין איין געגענד אַהין, אין דעם אַנדערען געגענד אַהער, אין איין שטאָדט געקומען, פון אַן אַנדערער שטאָדט אַנטלאָפען.

אַלזאָ — מיר האָבען גוט איינשטודירט דעם דאָזיגען געביעט, און מיר זענען זיכער ספּעציאַליסטען — אָבער וואָס וועט זיין דער תכלית?

מילא — אַז די פּלאַנעטען דרייען זיך — וויסען מיר אַז זיי ווערען נישט מיעד. אָבער מענשען האָבען דאָך די נאַטור צו ווערען מיעד און דערשעפּט — און מיר זענען זיך טאַקע אויך מבייש ווען אַ זאַך ווערט אונז לאַנגווייליג אין דערעסען. פרעגען מיר זיך טאַקע — ווי איז דער אַסטראָנאָם וועלכער זאָל אונז דאָס קענען פאַרענטפערן?

מעקסיקאָ סיטי, זומער 1948

דער ספעקטאַקעל פון ציוויליזירטע מענשען און ווילדע אָקסען

אין די גאָר אַלטע פּרימיטיווע צייטען האָט דער מענש געהאַט צו פירען אַ קאַמפף מיט שלעכטע בייזע באַשעפענישען פון דער נאַטור, מיט וועלף, מיט בערען, לעמפּערטען, טיגערס, פוקסען, לייבען און אַנדערע פיעלע מינים נאַטור ווילדקייטען פון חיה'שען געזעמעל.

און עס האָט זיך ענטוויקעלט העלדישע קאַמפּפס מעטהאָדען פון פּעאיגע גיבורים וואָס פלעגען באַווייזען וואונדער אויף דעם געביעט פון באַשיצען זיך קעגען די בייזע שלעכטע קרעפטען פון דער נאַטור.

מיט דער צייט האָבען די פּעאיגע גיבורים דעמאָנסטרירט זייער העלדיש־קייט און טאַלאַנט אין געוויסע ספּעקטאַקלען צו אַמוזירען דאָס פאָלק און אויך צו באַווייזען און דעמאָנסטרירען זייער גבורה און טאַלאַנט. אויך פאַרטרייבען די לאַנגווייליגקייטען פון צייט צו צייט, אַריין ברענגען אַן אינטערעסע אין עטוואָס וואָס זאָל שפּאַנען דעם עולם און איהם צוריק האַלטען פון פאַרצווייפעלטע מאָמענטען. דאָס זענען געווען די ערשטע פּרימיטיווע טעאַטערס אין דער פּרימיטיווער מענשליכער וועלט.

די אַלטע ווילדע מאָנאַרכען, ווען זיי פלעגען באַשטראָפען פּערזאָנען וועמען זיי האָבען דערקלערט אַלס פאַרברעכער, פלעגען זיי אַראַנזשירען אַ ספּעקטאַקעל, אַריין לאָזען די פון זיי — דערקלערטע פאַרברעכער צווישען ווילדע וועלף, טיגערס, לייבען, און אַנדערע מינים ווילדע באַשעפענישען, און זיי האָבען זיך ביי דעם זעהר גוט אַמוזירט.

עס האָבען זיך אַלזאָ ספּעציאַליזירט גיבורים טאַלאַנטען, שטערען, וואָס האָבען וואונדער באַוויזען, און זענען געוואָרען באַרימט אין זייער ארומיגע ספּערע אַלס גאָט געבענשטע אַרטיסטען.

די לעגענדע וועגען דניאל הנביא (וואָס שטאַמט אויך פון יענער צייט), ווי ער איז אַריין געוואָרפען געוואָרען צווישען לייבען און אַרויס אַ לעבעדיגער, גיבען עטוואָס אַ באַגריעף וועגען אַזעלכע העלדישקייטען. מעגליך, אַז דניאל הנביא, אויך אַלס אַ געלעהרטער (פיליכט אויך אַ דאָקטאָר פון יענער צייט),

האָט פאַרשטאַנען צוגעבען די לייבען שלאָף פּילען, אָדער געוויסע גיפט שאָקאָלאַדען, און ער האָט זיך געקענט אַרויס ראַטעווען פון דער גרויסער סכנה. אָדער די לייבען זענען געווען אידען גוט גרומירט, און אין דער צייט ווען דניאל הנביא איז אַריין צווישען אָט די דאָזיגע לייבען האָט ער זיכער געגעבען אַ רוף אויס, שמע ישראל, און יעדער לייב האָט געענטפערט — עברי אנוכי, השם אלהינו השם אחד. און אַזוי נאָך איז ער פּילייכט אַרויס אַ לעבעדיגער און ניצל געוואָרען.

נו, מיר קענען זיך פאָרשטעלען אין דער פאַנטאַזיע פּיעלע מעגליכקייטען און אויסטייטשונגען. עס איז דאָ אַ לעגענדע וועגען שמשון הגיבור וואָס האָט באַוויזען צו רייטען אויף אַ לייב, און פּיעלע טויזענטער אַנדערע מעשה׳ות ביי אַלע פעלקער.

דעמאָנסטרירען העלדישקייט און גבורה צווישען מענש און מענש האָט זיך אויך אָנגעהויבען ענטוויקלען אין די גאָר אַלטע צייטען. צוויי גיבורים זענען אַרויס אין אַ וועט שפּיעל, ווער עס וועט זיין אַ גרעסערער שטאַרקער? דורך לייגען צום גרונד, זאָגאַר דורך קינצליכע מעטהאָדען, אָדער דורך אויס, דורך באַזעסענע קראַפט. אַנדערע גיבורים האָבען געמאַכט אַ ספּעקטאַקעל דורך מעכטיגען האַנד שלאָג און האַנד קלאַפּ, צו דעמאָנסטרירען זייער גבורה און העלדישקייט.

עס אונז באַקאַנט, אַז געוויסע אַלטע ספּעקטאַקלען, און נאָך פּיעלע אַנדערע נייע, עגזיסטירען היינט צו טאָג מיט גרעסערע דערפאָלגען און מיט גרעסערע פּראַקטישקייטען ווי אין די אַלטע צייטען.

עס האָבען זיך ענטוויקעלט פּיעלע סאָרטען ספּאָרט שפּיעלען וואָס צירקולירען אויף יעדען ווינקעל פון דער וועלט.

ווי עס ווייזט אויס איז דאָ אַן אייגענשאַפט אין דער מענשליכער נאַטור וואָס רופט אַרויס און ברענגט אַרויס דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיגער מאַניפעס־טאַציאָן.

איך וועל זיך דאָ פאַרנעמען, מיט דעם ספּעקטאַקעל וואָס איז געוואָרען נאַציאָנאַליזירט אָדער פאָלקסטומליכיזירט, ביי דעם שפּאַנישען פאָלק, און אויך אין מעקסיקאָ — ביי דעם מעקסיקאַנער פאָלק און נאָך אין מאַנכע אַנדערע לאַטיינישע לענדער.

פּיעלע מיליאָנען מענשען אין שפּאַניע און אין מעקסיקאָ, זענען אימער פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיגען שפּיעל. די אָרעמסטע ווילען אָפּשפּאָרען פון זייער נויטיגסטען געברויך און ווילען גיין זעהען דעם אָקסען קאַמפּף ספּעקטאַקעל.

און מיר קענען זאָגען, אַז דער דאָזיגער ספּעקטאַקעל איז זיכער פונקט אַזוי מענשליך ווי מאַנכע אַנדערע ספּעקטאַקלען וואָס צירקולירען אין אַנדערע געגענדען פון דער ברייטער גרויסער וועלט.

ווי צום בישפּיעל, דער וועט געשלעג דורך האַנד שלאַג, און קראַפט שטויס, דער וועט אויף גרונד לייגונג. דער פוס קנויל ווערפער שפּיעל און פּיעלע אַנדערע שפּיעלערייען.

צווישען די אַלע אַטלעטען איז דער מענשליכער ווערט נישט פון דער געהויבענער מדרגה פון אַ מענשליכען אידעאַליזם, ווייל דער מענש שטעלט זיך דאָ אין געפאַר אין די אַלע שפּיעלערייען.

קורץ, דער מענש שפּיעלט מיט זיך, און ריזיקירט מיט זיין לעבען, מיט זיין געזונד און מיט זיין קראַפט.

און פון דעם מענשליכען אידעאַליסטישען פּערספּעקטיוו זענען די אַלע שפּיעלערישע ראָלען גאַר נישט מענשליכער פון דעם אָקסען שפּיעל.

איך וועל אַלזאָ דאָ עטוואָס באַגעבען אין אַ שריפטליכען בילד „דעם אָקסען ספּעקטאַקעל", ווייל נישט אַלע פאַרען קיין מעקסיקע, אָדער שפּאַניען צו ווילדע אָקסען ספּעקטאַקלען.

* * *

איך געפין מיך אין אַ גאַר גרויסען פּלאַץ וואָס רופט זיך „פּלאַזאַ מעקסיקאַ" וואָס נעמט אַריין איבער אַ פינף און פערציג טויזענט מענשען, און איז יעצט דער גרעסטער פּלאַץ (פאַר דעם אָקסען שפּיעל) אין דער וועלט. געבויט פון אַן אַמעריקאַנעם אינזשיניר, האָט מען מיר איבערגעגעבען. דער פּלאַץ איז רונדיג, און אַרום און אַרום זיץ פּלעצער. עס פאַרזאַמלען זיך מענשען פון אַלע טיילען פון שטאָדט, און זיכער אויך פון אַרומיגע קליינע שטעדטליך. עס קומען אפילו עלטערן און מוטערס מיט קליינע קינדער. און אפילו נאָך זויג קינדער. אַלע קומען זעהר פאַראינטערעסירט, אפילו די וואָס האָבען שוין געזעהען דעם דאָזיגען שפּיעל פּיעלע מאָל.

אַ קליינער אָרקעסטער איז אין דער הויך, אויף דער גאַלערי, צווישען עולם, און שפּיעלט פון צייט צו צייט שפּאַנישע מעלאָדיען פון לעבעדיגען העלדישען כאַראַקטער. די מענשען זענען געשטימט מיט דערוואַרטונג און נייגעריגקייט.

דער פּאָרשפּיעל פאַנגט זיך אָן מיט מוזיק. אין פראַנט קומט אַריין צו רייטען אַ פערזאָן אויף אַ טאַנצענדיג פערד (צירקוס אַרטיג). אים גייען נאָך די גרופּע העלדען „די אָקסען ספּעקטאַקלער" די העלדען מאַטאַדאָרען מיט זייערע אַרויס העלפער. אַלע אין שעהנע דעקאָראַטיווע קליידונג פון זילבער־גאָלד קאָליר און אַנדערע פאַרשיעדענע פאַרביגע טראַכטען. זיי קומען אַריין מיט העלדישע שטימונג און ערנסטע געזיכטער. צווישען זיי רייטען אויך צוויי פערזאָן אויף פערד. ווי ריטער, געפּאַנצערט, ווי אין די אַלטע צייטען. דער

פערזאָן וואָס רייט אין פראָנט אויף דעם טאַנצענדיגען פערד האַלט זיך ווי מעשה בירגער מייסטער פון דעם שפּיעל, אָבער דאָס איז נור אַ פאָרמע.

די העלדען מאַטאַדאָרען און די געהילפען שטעלען זיך אויס אין זייערע פּאָזיציעס אין גינסטיגע פונקטען. דער פראָנט רייטער מיט די צוויי אַנדערע רייטער וואָס רופען זיך פּיקאַדאָרען מיט לאַנגע שפּיעזען ציען זיך צוריק אונטער די קוליסען. אַ שטילער מינוטיגער מאָמענט — און עס עפענט זיך אַ טיר פון אַ געוויסען פונקט און ס'לויפט אַריין אַ ווילדער אָקס אין רינג. מאַנכער אָקס קומט אַריין צו לויפען מיט אַזאַ קראַפט און ווילדקייט וואָס איז גרייט צו דערהרגענען און צו דערמאָרדען אַלעס וואָס קומט אַ קעגען. פאַרזוכט מאַנכעס מאָל צו שפּרינגען איבער די באַריערע און אַנצוגרייפען די אַרומיגע מענשען מיט די הערנער. מאַנכער אָקס קומט אַריין צו לויפען און האָט גלייך חרטה. האָט באַמערקט אַז עס איז אַ שלעכט געשעפט, ער קוקט זיך אַרום צו די טיר איז נאָך אָפען, ער זאָל קענען צוריק אַריין פון וואַנען ער איז אַרויס. אָבער אַרום און אַרום איז פאַרמאַכט, נישט דאָ קיין אויסגאַנג.

דאָ פאַנגען זיך אָן צו צוריקען די ערשטע עדעלע ריטער העלדען, די געהילפען, און פאַנגען אָן צו אינטריגירען און צו רעגען דעם ווילדען אָקס מיט זייערע שעהנע העלע קאָלירטע מאַנטלען. ווייזט אויס אַז דער אָקס האַלט נישט פון העלע שעהנע קאָלירען (אַנטי־אַרטיסטיש) און לאָזט זיך אויפרעגען און שפּרינגט אַקעגען צו פאַרניכטען דעם אָביעקט מיט די קראַפט פון זיינע הערנער, און אויך דעם עדעלען ריטער העלד מכבד צו זיין מיט דער הערנער עלייה.

אָבער דער עדעלער ריטער העלד איז אַ געניטער טענצער אויך, און דרייט זיך קונציג אַרויס פון יעדען פאַרזוך פון דעם אויפגערעגטען ווילדען אָקס וואָס וויל נקמה נעמען פון דעם דאָזיגען אַריסטאָקראַטישען העלד, וואָס נוצט איהם אויס אין אַזאַ אויסטערלישען שפּיעל און רייצט איהם און רעגט איהם מיט די פאַרביגע קאָלירען פון זיין אַריסטאָקראַטישען מאַנטעל.

דער אָקס דרייט זיך אַוועק אויף אַן אַנדערן פונקט. אויך דאָ קומט איהם אַ קעגען אַ ריטערליכער העלד מיט אַן אַנדערען פאַרביגען מאַנטעל און רייצט זיך מיט איהם. דער אָקס איז שוין מעהר גערעגט און שפּרינגט ווילדער אַ קעגען מיט דער הערנער — ער קען גאָר נישט אויפטוהן. דער אָקס איז דאָ אַ ווילדער דאָן קיכאָט וואָס שלאָגט זיך אַלזאָ מיט פאַנטאַסטישע ווינד מילען, אָן אַ דערגרייכטען רעזולטאַט.

פון דער וויטענס שטעהט דער הויפּט העלד, דער מאַטאַדאָר, און קוקט זיך צו און שטודירט די סטראַטעגיקע פון דעם ווילדען אָקס. מאַנכעס מאָל גייט אויך דער מאַטאַדאָר אויך צו און רייצט זיך מיט דעם אָקס אויך אַ ביסעל.

יעצט קומען אַריין צו רייטען (אומגעבעטען), די צוויי געפּאַנצערטע ריטער

אויף געפּאַנצערטע פערד מיט די לאַנגע פּיקעס אין דער הענד. (זיי באַרופען זיך פּיקאַדאָרען). דער אָקס באַמערקט די שטאָלצע חוצפה פון די רייטער־פּיקאַדאָרען, לויפט צו מעשה העלד און וויל אַטאַקירען דאָס פערד מיט דעם פּיקאַדאָר צו זאַמען — מיט די מעכטיגע קראַפט פון די הערנער.

דאָ שטעלט דער פּיקאַדאָר זיין פּיקע אויף דעם רוקען פון אָקס און שטופּט איהם אָפּ מיט קראַפט. דער אָקס רוקט זיך צוריק ווייל דער שפּיץ פון דער פּיקע איז נישט אַזוי גוט ווי אַ בינטעל גוטע גראַז. עס זעהט זיך שוין אַ רעזולטאַט פון דעם שאַרפען שטאָך פון דער פּיקע. עטוואָס בלוט באַמערקט זיך אויף דעם רוקען פון אָקס. דער אָקס ווערט נאָך מעהר פאַר־צווייפעלט און ווילד, און וויל זיך נאָך אַ מאָל געבען אַ נעם צום פערד מיט דעם פּיקאַדאָר — אָבער דער פּיקאַדאָר איז איהם ווייטער מכבד מיט זיין קראַפט פון דער שפּיז פּיקע, און שטופּט איהם אָפּ מיט מאַכט.

מאַנכעס מאָל געלינגט עס דעם אָקס צו באַדרייען דאָס פערד מיט דעם פּיקאַדאָר צוזאַמען. דאָ מוזען שוין קומען צו הילף אַרומיגע קרעפטען, וואָס שטייען גרייט אין אַרומיגע פּונקטען אין פאַל פון אַזאַ פּאַסירונג.

אַלזאָ, די צוויי פּיקאַדאָרען רייטען צוריק אַרויס פון רינג אַריין אין אונטער די קוליסען. זיי האָבען שוין דאָס זייעריגע דורך געפירט. זיי האָבען געגעבען אַ מעגליכקייט פאַר דעם אָקסיש דאָן קיכאָטישען אָוואַנטויער אַרויס צו ברענגען די ווילדע שטאַרקע מאַכט וואָס איז אין דער נאַטור פון דעם ווילדען אָקס.
דאָ באַווייזט זיך אַ העלד מיט צוויי קאָלירטע באַצירטע שפּיעזען וואָס רופען זיך „באַנדעריאָס" און שטעלט זיך קעגען דעם אָקס און לויערט אויף איהם מיט די צוויי שפּיעזען, ווי ער וואָלט איהם אַרויס גערופען אויף אַ דועל. דער אָקס מיט די הערנער, דער העלד מיט די שפּיעזען.

דער העלד רופט איהם, שטעלט זיך פּונקט אַ קעגען דעם אָקס און גיבט אַ פלינקען שפּרונג צו און שטעקט אַריין די צוויי שפּיעזען אין דעם רוקען פון אָקס. די שפּיעזען בלייבען שטעקען, דער אָקס פאַנגט זיך אָן צו דרייען, עפּעס שטעכט איהם. אָבער ער האָט נישט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ קלייניגקייט און קעמפּפט ווידער מיט מאַנכען העלד וואָס ווייזט איהם זיין שעהנעם קאָלירטען מאַנטעל. ער שפּרינגט אַ קעגען מיט דער הערנער אויף דער זייט, אויף יענער זייט. עס העלפט נישט, די העלדען דרייען זיך אַרויס פון דער הערנערישער אָפּענסיווע.

פון צייט צו צייט הייבט דער אָקס אָן צו גראָבען און שאַרען די ערד אונטער זיך, אַזוי ווי ער וואָלט ערגיץ באַהאַלטען אַ קניפּעל מיט גאָלדענע מינצען און וויל פיליכט אונטער קופען די העלדען זיי זאָלען איהם צו רוה לאָזען, אָדער ער וויל שוין אַליין אָנהויבען גראָבען אַ קבר פאַר זיך, זעהענדיג אַז דער סוף איז נאָענט. אָדער אויס פאַרצווייפלונג זיך צו באַהאַלטען ערגיץ

און אַ געפינענעם טאָל, אָדער ער שאַרפט זיך אין זיינע וויטערדיגע קרעפטען וואָס ווייזען זיך אויס צו פאַרלירען.

עס באַווייזט זיך ווידער אַ העלד מיט צוויי דעקאָרירטע שפּיזען און שטעכט איהם אַריין אין פלינקען שפּרונג אין רוקען. דער אָקס טראָגט שוין אויף זיך פיר שפּיזען וואָס שאָקלען זיך. אָבער האַלטען זיך פעסט איינגע־קלאַמערט. בלוט צייכענס זעהען זיך שוין פון די איינגעשטאָכענע פלעצער.

אָבער וואָס שפּיעלען אַ ראָלע די איינגעגריפענע שפּיזען ביי אַזאַ אָקסישע קראַפט וואָס דאַרפט ווידער זיך שלאָגען מיט די קאָלירען פון מאַנכע מאַנטלען און העלדען וואָס דרייען זיך אַזוי קונציג אַוועק.

באַווייזט זיך דאָ צום דריטען מאָל אַ העלד מיט צוויי קאָלירטע באַצירטע שפּיזען און מכבד צום דריטען מאָל דעם אָקס אין רוקען מיט דער דאָזיגער מתנה. אָבער ווער האָט צייט צו טראַכטען וועגען זעקס שפּיזען וואָס האַלטען זיך שוין פעסט אין רוקען, און ער איז זיכער אַז ער וועט זיי נישט פאַרלירען.

אַז עס איז אַ מלחמה. דער אָקס שלאָגט זיך אויף אַלע זייטען, אין פאַר־שיעדענע פונקטען, מיט די העלדען וואָס ציינען איהם זייערע מאַנטלען. אַ שפּרונג מיט די הערנער אין דער זייט און אַן אַנדערער זייט. עס זעהט אויס אַזוי ווי דער אָקס וואָלט גאָר נישט געפיהלט אין זיך די שטעכעניש און די ווייטאָגען פון די איינגעגריפענע שפּיזען אין זיך.

דאָ באַווייזט זיך דער הויפּט העלד, דער „מאַטאַדאָר" מיט אַ שווערד וואָס רופט זיך „סטאָקיע" און מיט אַ רויטען טוך. ער באַהאַלט די שווערד פאַרהילט אין דעם רויטן טוך און פאַנגט אָן צו רעגען און רייצען דעם ווילדען אָקס מיט דעם רויטען טוך.

דער אָקס שפּרינגט מיט דער הערנער אַ קעגען דעם רויטען טוך, ווי אַ קעגען אַ פיינדליכען קריגערישען אָביעקט, און וויל אויך געבען אַ טרעף מיט דער הערנער דעם מאַטאַדאָר אַליין אויך בכבודו ובעצמו. צו יאָ טשעמפּיאָן אָדער נישט טשעמפּיאָן, דער אָקס ווייסט יעצט נישט פון קיין פּריווילעגיעס געבען און פאַרשטייט פיליכט אויך, אַז דער יעצטיגער טשעמפּיאָן איז דער פאַקטישער מלאך המות פון זיין עגזיסטענץ. ער שפּרינגט ווידער אַ קעגען, און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל. דער מאַטאַדאָר דרייט זיך נאָך קונציגער אַרויס פון די אָנגעשטרענגטע פאַרזוכען פון דעם פאַרצווייפעלטען ווילדען אָקס.

נאָך אַ געוויסער צייט פון אַזוי אַרום שפּיעלען זיך, ווי דער מאַטאַדאָר צייגט פאַר דעם עולם זיינע טשעמפּיאָנישע פעאיגקייטען, צילט ער די בלאַנקע שווערד און שטעכט מיט קראַפט אַריין אין דעם רוקען פון אָקס. דער קרעפטיגער אָקס גיבט נאָך נישט אויף זיין קאַמפף. מאַנכער פאַלט אין איניגע מינוט, מאַנכער שלאָגט זיך נאָך קעגען דעם רויטען טוך וואָס דער מאַטאַדאָר פּראָבירט נאָך אויף איהם, וויסענדיג, אַז דער סוף פון דעם אָקס איז נאָענט. דער אָקס,

שוין דערשעפּט פון דער קראַפט, דרייט זיך מיט דער הערנער אַהער, לינקס, רעכטס, זינקט און פאַלט טויט צו דער ערד.

דער מאַטאַדאָר ווערט אַפּלאַדירט פון גרויסען עולם. עס ווערט צו איהם אַראָפּ געוואָרפען קאַפּעלושען, האַנד בייטלען, און אַנדערע אָביעקטען, אַלס פייערליכען אויסדרוק פון אַנערקענונג. דער מאַטאַדאָר גייט אַרום דעם רינג און פאַרנייגט זיך און הייבט אויף די זאַכען און וואַרפט צוריק אויף די פּלעצער פון וואַנען זיי ווערען געוואָרפען. דער מאַטאַדאָר וואָס צייכענט זיך אויס מיט גוטע נומערין פון זיין אַקט ווערט געיובעלט און פאַרעהרט פון פּובליקום. עס קומען שנעל אַריין אייניגע לייט מיט פערד געשפּאַנט וועלכע רוימען אויף דעם טויטען אָקס פון רינג, גרייט צו מאַכען דעם פּלאַץ פאַר דעם נעקסטען אַקט. דער שפּיעל ווערט אַזוי געפיהרט מערסטענס מיט אַ זעקס אָקסען דורך אַ פאַרשטעלונג, מיט יעדען אָקס באַזונדער און מיט אייניגע טשעמפּיאָנען מאַטאַדאָרען און די געהילפס העלדען.

ווען אַ מאַטאַדאָר צייכענט זיך זעהר גוט אויס מיט זיין אַקט, באַקומט ער אַן אויער פון דעם אָקס אַלס אַ סאָוועניר פאַר אַנערקענונג.

ווען ער צייכענט זיך נאָך מעהר אויס אין זיין אַקט, ווערט ער שטאַרק געיובעלט און אַפּלאַדירט און ער באַקומט אַן אויער פון דעם אָקס מיט דעם לאַנגען עק אַלס אַ סאָוועניר פון גרויסער דערגרייכונג און אַנערקענונג.

די העכסטע דערגרייכונג איז, ווען איינער ווערט אַזוי באַרימט פאַר וועמען עס ווערט צוגעקלאַפּט אַ טאַבלעט פון אַנערקענונג אויף דער וואַנד פון דעם טאַראָס.

* * *

וועגען די מאָראַל פון דעם ספּעקטאַקעל קענען וועגעטאַריער האָבען סענטי־מענטען דערגעגען, אָבער מענשען וואָס זענען נישט קיין וועגעטאַריער קענען פיליכט יאָ זעהען דאָס דאָזיגע שפּיעל.

דער אָקס ווערט אַזוי אַריין געצוויגען אין דעם קאַמפּף, אַז ער פיהלט נישט אַזוי שטאַרק די שפּיעזען וואָס שטעקען שוין אין רוקען, און אפילו גאָר נישט אַזוי געוואַלטיג די שווערד וואָס איז שוין טיעף אַריין געדרונגען און דערנענ־טערט זיין סוף פון מינוט צו מינוט.

צי אַזוי צי אַנדערש, דער אָקס וועט מוזען ענדיגען און מענשען וועלען האָבען די סעודה פון פיזישען געהאַלט. עס גלויבט זיך, אַז דער ווילדער אָקס האָט גאָר אַן אינטערעסאַנטען אַוואַנטויער צו דעמאָנסטרירען און אַרויס געבען זיין פאַר־באָרגענע קראַפט און כוח וואָס ער טראָגט און זיך באַהאַלטען.

און וועגען דער מאָראַל וואָס די אָקסען שפּיעלער ריזיקירען מיט זייער

לעבען און געזונד, איז דאָס אַן אייגענשאַפט וואָס איז אין דער מענשליכער נאַטור און מאַניפעסטירט זיך אויף פיעלע געביעטען אין דעם צירקוס, אין מלחמה און אין אַנדערע געפערליכע אונטערנעמונגען.

דער מענש איז אַ רעטזעל, דאָ שרעקט ער זיך, דאָרט נישט. ער ליעבט זיך, און ער ריזיקירט מיט זיך. דער מענש איז מאַנכעס מאָל אַן עגאָיסט און מאַנכעס מאָל גיבט ער זיך אַלס אַ קרבן. די וועלט וועט זיך באַלאַנסירען און אידעאַליזירען אין ווייטערדיגע פערספעקטען צו דער גרויסער צוקונפט.

מעקסיקאָ סיטי, זומער 1948

נאַכט לעבען

די דראַמאַטיק פון טאָג טעגליכען אינהאַלט דערגרייכט נישט אימער דאָס אינטערעסאַנטע פון אונזער מענשליכער עגזיסטענץ. מיר זענען פאַרנומען מיט שאַפען בעסערע מעגליכקייטען פאַר אונזער זיין.

מיר זענען באַזאָרגט אין אונזערע ווירקונגען פאַר גוטע געוואונשטע רעזול־טאַטען. און ווען עס קומט אָן די נאַכט וויל דער מענש פאַרגעסען פון דער רעאַליטעט פון דער טאָג־טעגליכקייט און וויל זיך באַגעבען צו דעם נאַכטיגען אינהאַלט פון אַמוזירען און געניוס, פאַר שענהייט און רעגונגען פון נאַטור און גייסטיגקייט אין אַלע פאַרשיעדענע פאָרמען צו וואָס די מענשליכע פאַנטאַזיע קען זיך דערטראַכטען.

נאַטירליך, די מאַיאָריטעט פון דער מענשהייט איז אַטראַפּירט פאַר דעם געפיהל פון נאַכט לעבען, וויל די שווערע באַדינגונגען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמישער וועלט האָט דעם מענשען שקלאַפיש גענייגט און האָט איהם פּסיכאָלאָגיש אַוועק געצויגען פון די געפיהלען פאַר פערגעניגען און גליקליכע איבערלעבונגען. פאַר די אַלבום בלעטער פון פערזענליך־ביאָגראַפּישע אינטע־רעסאַנטע געדענקונגען.

מיר באַגרייפען אויך, אַז די רעליגיעזע וועלט האָט ווייניג פּלאַץ פאַר דער מאָראַל פון נאַכט לעבען. און אויך די פּאָליטישע סאָציאַלע געזעלשאַפט, וואָס דענקט, אַז דער מענש מוז נור אימער זיין פאַרנומען, עקסטרעם, מיט דעם איינעם געדאַנק פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיע, מיט ווירטשאַפטליכע געדאַנקען און פּאָפּולערע פּראַקטישקייטען דורכאויס.

די רעליגיעזע מענשהייט, ווידער, האָט אַלעס קאָנצענטרירט פאַר דעם צוקונפטיגען גן עדן, אין דעם עולם הבא אַריין. דאָרטען וועלען זיי שוין האָבען אַלעס צו וואָס נור דער מענשליכער געוויסען און נאַטור קען באַגערען.

די פּאָליטישע סאָציאַלע געזעלשאַפט וויל שאַפען אַ גן עדן אויך אויף דער וועלט. אָבער די מענשהייט מוז דערווייל נור זיין פאַרנומען מיט בויען דעם בנין פון דעם צוקונפטיגען גן עדן, און דאַרפען כסדר טראָגען ליים און ציגעל

און זיין נור פאַרנומען מיט דער דאָזיגער אַרבייט און האָבען דערוייל גאָר נישט קיין צייט פאַר זייערע רעאַלע נייגונגען און באַרעכטיגטע פאַרלאַנגען פאַר אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען פאַר די ריכטיגע ימים־טובים און פאַר די שענהייטען פון דער פאַנטאַסטישער נאַכט.

מיר קענען נאַטירליך נישט זאָגען, אַז די געגענוואַרטיגע פאָרמען פון דעם נאַכט לעבען האָבען דעם אייגענטליכען כאַראַקטער פון אַן אידעאַלער וועלט אַנשויאונג.

פינאַנציעלע אינטערעסען, און אויך די מדרגה וואָס איז ווייט אָפגערוקט פון אינטעלעגענץ, כאַראַקטער, ליטעראַטור, קולטור אין אַלגעמיין, פירען די רעזשיע אויף דעם דאָזיגען וויכטיגען געביעט פון וועלטליכקייטען.

מיר ווייסען אַלע גוט, אַז נאַכט לעבען מיינט נישט צו זיין באַטרונקען.

מיינט נישט צו האָבען סקאַנדאַלען און לייכטזיניגע אינצידענטען.

נאַכט לעבען מיינט אַ קאָנצענטראַציאָן פון וועלטליכקייט צו פאַרגעניגען און גליקליכע איבערלעבונגען אין בעסטען זין פון וואָרט.

אַ פאַראייניגונג מיט מוזיק און געזאַנג, מיט מעלאָדיע און טאַנץ. באַגייס־טערונגען און ענטציקונגען פאַר שענהייטס פאָרמען פון מענשליכען געשטאַלט. און אַ דורכדרינגען פון פיזיאָנאָמישע און פסיכאָלאָגישע געהיימניסען דורך קריסטאַל טיעפקייט פון נשמה'דיגען געזיכט. האַרמאָנישער קאָנטאַקט פון פרעמדע באַגעגענישען און צוזאַמענטרעפונגען פון קאָנטראַסטען וואָס ברענגען אַריין אינטערעס און שפאַנונג אין דעם פאַנטעאַסטישען וועלט באַגריף אין העכסטען זין פון וואָרט.

קומט אָן די נאַכט, הייבט אָן צו געוועלטיגען די לאַנגוויילינקייט אין די מערסטע שטעדט און שטעדטליך, און דער מענש האָט זיך נישט ווי אַהין צו טהון.

די רעגירונגען זענען ווייניג באַזאָרגט וועגען דעם דאָזיגען ענין, און די געזעלשאַפט אין אַלגעמיין האָט אויך נישט דעם באַוואוסטזיין אין דעם אידעאַל פאַר אַ ריכטיג נאַכטיגע ספערע וואָס זאָל אַרויס רופען גליקליכע און אינטע־רעסאַנטע איבערלעבונגען.

דער פאַמיליען מענש פאַרברענגט ביי נאַכט אין דער היים, הערט זיך צו ביי דעם ראַדיאָ, באַזוכט פון צייט צו צייט אַ פילם טעאַטער אָדער אַ רעאַלער טעאַטער פאָשטעלונג. באַלעבט זיך מיט די צערטליכע שטימונגען פון די קינדערליך, בליקט אַריין אין דער פרעסע, ווערט שלעפעריג און גרייט זיך צום שלאָף.

אָדער מאַנכע נעמען זיך גאָר פאַרשווענדען זייער צייט אין שפיעל, אָפּ צו טרייבען זייער לאַנגווייליגקייט, אָדער לכל הפחות עפּעס געווינען דערביי.

איך די מטבעות פון קאַפּיטאַל האָבן נאַטירליך איך אַ געוויסען מאַגנעטיזם. און עס איז לייכט צו ווערען אַ קרבן דערפון.

אַזוי נאָך ווערט דער ריכטיגער געדאַנק פון לעבען דעגראַדירט און דערנידעריגט, און די חוצפה פון לייכטזיניגקייט און באַנאַליטעט טריאומפירט.

עס זענען דאָ פיעל מענשען אין דער געגענוואַרטיגער צייט, וואָס זייער גאַנצער אינהאַלט פון נאַכטיגען לעבען איז זיך צו צושטרייען אויף פּאַרזאַמ־לונגען און צוזאַמענקונפטען ביי רעדנערישע דעמאָנסטראַציעס ווי עס ווערט אייגעלייגט און אויפעבויט וועלטען איבער נאַכט. ווי די לייכטזיניגע פאַנטאַזיע צושפּיעלט זיך ווי ביי קליינע נישט דערצויגענע קינדער, ווי עס פעהלט רייפקייט, פּראַפּאַרציע, סיסטעם און גלייכגעוויכט. און דאָס צו רעגולירען, פעהלט די ריכטיגע קולטור און עסטעטיק. די ריכטיגע מעטהאָדע און דער פיזיאָלאָגישער אַנאַליז. דאָס מענשליכע לעבען פון הויכע פּערספּעקטיווען און געהויבענע פאָרמען שטעלט זיך אַ קעגען דעם שקלאַפישען לעבען פון מיטעל־מעסיגקייט און נידעריגע באַגריפען.

עס מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל דערקלערט ווערען — וואָס איז דער ריכטיגער ציעל פון לעבען און וועלט, וויסענשאַפטליך. און דורך דעם לאָגישען שכלדיגען געדאַנק.

דער מענש דאַרפט נישט אָפּטרייבען מאָמענט און צייט, נור אפילו סעקונדען און מינוטען דאַרפען זיין ווירדיג און געשעצט צום גרויסען לעבענס אינהאַלט פון גליק און פאַרגעניגען, און נישט זוכען איבער צו שפּרינגען טעג און וואָכען, ווי אַ הירש שפּרינגט און לויפט איבער פון שטרעקע צו שטרעקע.

דאָס לעבען דאַרפט אייגענטליך זיין אַ לאַנגזאַמער, אינטערעסאַנטער, גליק־ליכער שפּאַציר. ווי יעדער מאָמענט דאַרפט זיין טייערער און וויכטיגער פון גאָלד און בריליאַנטען.

די נאַכט טראָגט אין זיך פיעל פאַרבאָרגענע סודות פון תחית העולם. מיר מוזען אָבער ווערען די אַרכיטעקטען און שאַפען דעם אַטמאָספערישען אינהאַלט וואָס זאָל זיין אַזוי טיעף און אינטערעסאַנט, ווי די אַסטראָנאָמישע וויסענשאַפטען. מיר דאַרפען קומען און קאָנטאַקט מיט דעם קאָסמאָס, מיט דער אַלוועלט, און אויך נישט פאַרגעסען, אַז מיר דאַרפען אויך זיין די אַרכי־טעקטען אָפּ צו שאַפען דאָס שלעכטע פון דער וועלט אין אַלגעמיין, און בויען די נייע וועלט פון גערעכטיגקייט, יושר ווי מענשליכע ליידען און אונגליקען זאָלען נישט קענען עגזיסטירען.

דאָס וועט זיין די ריכטיגע מדרגה פון איבערמענשליכקייט און קיום העולם. די טויזענטער שטערען און פלאַנעטען ווינקען צו אונז אַראָפּ פון די הימלישע ספערען אין די פאַנטאַסטישע נעכט און באַרופען אונז צו הייליגען און ווירדיגען צייט און מאָמענט. נישט צו פאַרשפּעטיגען לעבען און געָנוס.

אויך דאָס ליכט פון דער לבנה זינגט מיט אין דעם כאָר פון די טויזענטער שטערען און פלאַנעטען די קאָסמאָס הימנע, דאָס ליעד פון גליקס באַגערען און פון דעם גרויסען לעבענס באַרוף.

און די טיעפע נאַכט דאַרפט געבען דעם גוטען שלאָף פון געזונד, צו נייע שעפפערישע קראַפט, צו נייע ענערגיען, צו וואָס די ליכטיגקייט פון טאָג וועט אונז באַלייכטען און באַליכטיגען אין דער ערוואַכונג צו דעם נייעם מאָרגען, צו דעם נייעם היינט.

מעקסיקאָ סיטי, זומער 1948

דער מאַסקען באַל פון דער פאַרדאָרבענהייט

אין אַ שעהנעם פרימאָרגען פון אַ געוויסען טאָג קומט מיר אָן אַן איינ־לאַדונג פון דער אָרגאַניזאַציע מיט דעם נאָמען די „באַוועגער פון פראָגרעס״ אַז איך זאָל קומען צו דעם גרויסען באַל אונטער דעם טיטעל: „דער מאַסקען באַל פון דער פאַרדאָרבענהייט״. אין דער איינלאַדונג ווערט מיר צו געזאָגט אַז איך וועל דאָרטען קענען טאַנצען מיט סעמיראַמיס, קלעאָפּאַטראַ, עקאַטערינאַ די גרויסע, מיט ווענוס, מיט אַן אַפראָדיטאַ, מיט אַ שילמית, מיט נימפּפען פון ים און מיט נימפּפען פון דער טריקעניש. קורץ, מיט וועמען איך וועל נור אַליין וועלען און באַגערען — עס וועט דאָרטען זיין דער כאַראַקטער פון טאָלעראַנץ און צו געביגקייט.

זעהענדיג אַזאַ מערקווירדיגען פּראָספּעקט, האָב איך מיך גלייך באַזאָרגט מיט אַ בילעט. יעצט בלייבט ביי מיר אַ פראַגע: וואָס פאַר אַ מאַסקע און גרים זאָל איך אויף זיך נעמען ווען איך וועל קענען טאַנצען מיט אַזעלכע פּאָפּולערע פערזאָנען און סימבאָלען.

האָב איך מיר אויסגעקליבען אַ מאַסקע ווי אַ פראַגע צייכען — ? — און דער גרים און קאָסטום ווי אַ פאָרמע פון אונבאַשטימקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיך שוין אָנגעפאַנגען גרייטען צו דער דאָזיגער מערקווירדיגער פאַראַנשטאַלטונג.

איך בין אַוועק צו אַן אַרטיסט און האָב מיר באַשטעלט אַ מאַסקע, ווי אַ פראַגע צייכען. און אַ גרים און קאָסטום מיט אַ פאָרם און כאַראַקטער פון אונ־באַשטימקייט, און איך האָב אָנגעהויבען ציילען די טעג וואָס דערנענטערן זיך צו דעם דאָזיגען אַמוזאַנטען פּאָפּולערען ספּעקטאַקעל.

די צייט גייט ווי אַ זייגער, און עס איז שוין דאָ דער טאָג פון גרויסן מאָמענט, ווען איך וועל קענען טאַנצען מיט אַ סעמיראַמיס, מיט אַ קלעאָפּאַטראַ, מיט אַ ווענוס, מיט אַן אַפראָדיטאַ (נישט אַפילו צו דאַרפען באַצאָלען אַן עקסטראַ לוקסוס שטייער). אַלזאָ עס איז שוין דאָ דער טאָג, פונקט אַ פרייטאָג. ביי מיר איז שוין געוועזען יום טוב — שבי יום טוב. איך האָב שוין קיין אַנדערע געדאַנקען נישט געהאַט און נישט געקענט האָבען. אַזוי געוואַלטיג באַווירקט בין איך געוועזן פון דער דערוואַרטונג. אַלזאָ איך באַקלייד זיך מיט אַן אוניפאָרם פון אומבאַשטימקייט,

די מאַסקע און גרים אויך פון אומבאַשטימקייט און פאַרמט אויך דעם סימבאָל פון אַ פראַגע צייכען — ?...

פאַרטיג געוואָרען, כאַפּ איך אַן אויטאָמאָביל און אַוועק צום גרעסטען שטאָדט זאַל פון שטאָדט, ווי די פאַנטאַסטישע נאַכט איז אָראַנזשירט. פאָרענדיג אין דעם אויטאָמאָביל האָב איך שוין געהערט אויף דער ראַדיאָ די מוזיקאַלישע וואַלצען און טאַנגאָס פון די גרויסע אָרקעסטערס וואָס האָבען זיך שוין געלאָזט הערען פון דעם באַשטימטען פּלאַץ.

דער אויטאָמאָביל דערגרייכט דעם פּונקט. איך שפּרינג אַרויס און פאַרגעס אַזש צו באַצאָלען דעם אויטאָ פירער. אָבער ער מאַכט מיך אויפמערקזאַם און איך באַפרידיג איהם.

איינס, צוויי, דריי, איך בין שוין אין דעם ריזיג גרויסען ליכטיגען זאַל פון פאַרביגקייט און געוואַלטיגער פּראַכט.

די אויגען ווערען פאַרכאַפּט פון דעם קאָלאָסאַלען פאַרנעם און קאָמפּליצירטער בילדליכקייט. טויזענטער מענשען אין דער באַקליידונג פון קוריאָזע זעלטענע אוניפאָרמען פון אַרטיסטישער און ספּעציאַליסטישער מייסטערשאַפט, וואָס סימ־באַליזירען עפּאָכען, עפּיזאָדען און אינדיווידועלע דערשיינונגען פון דער געשיכטע.

עס פיגורירען אויך די פיעלע סימבאָלען און געשטאַלטונגען פון אויס־דרוקליכע אידעאַלען און פאַרשיעדענע באַשטרעבונגס אידעאַלען.

מיין בליק פאַלט אויף דער אַפראָדיטאַ. זי דערבליקט מיין מאַסקע — דער פראַגע צייכען, שאָקעלט זי מיט איהר קאָפּ אַ פאַרנויג, וואָס מיינט אַז יאָ, און איך נעם זי צום טאַנץ.

מיר טאַנצען אַ מעלאָדישען טעמפּעראַמענטפולען טאַנגאָ, וואָס דראַמאַטיזירט די פרייע ליעבע און דעם עראָטישען פּערספּעקט.

פּערפיום דופטען שוועבען אַרום אין דער ספערע, אין דער האַרמאָניע מיט די מוזיקאַלישע קלאַנגען און גרויסער עלעגאַנץ. איך באַמערק פון ווייטענס אַ פּערזאָן אַ קליינער באַאַמטער, וואָס האָט מיך אַמאָל באַליידיגט, און ווער איך געדענק פון דעם זיכרון, און טראַכט וועגען אונזער מאָדערנער צייט ווי די קליינע באַאַמטע, אַזוי ווי די גרויסע, האָבען די פּריווילעגיע צו קענען באַליידיגען אינדיווידוען־געזעלשאַפטען דורך אידיאָטישע באַגריפען, ווי מיליאָ־נען מענשען זענען די קרבנות זאָגאַר אין אַ מאָדערנעם רעזשים.

דער אָרקעסטער פאַנגט אָן אַ וואַלץ, און מיר באַוועגען זיך אין נייע פאַרמען פון מוזיקאַלישען אויסדרוק.

איך דערבליק פון דערווייטענס, ווי אַ פּערזאָן טראָגט אַ מאַסקע באַטיטעלט „דער אַנטיסעמיט" מיט אַן אויפשריפט „אידיאָט און כלב שבכלבים".

נישט קיין שלעכטער איינפאַל, זאָג איך צו דער אַפראָדיט, זיך דרייענדיג צום טאַקט פון דער מעלאָדיען.

זי דערווידערט, אַז די מאַסקע איז טרעפליך געטראָפען. און איך הער צום ערשטען מאָל איהר צערטליכער עדעלער שטימע, וואָס האַלט פאַרבאָרגען קראַפט און שענקייט אין דעם קלאַנג פון איהר טאָן.

פאַרענדיגט דעם וואַלץ זאָג איך אַדיאָס (אַלאַ מעקסיקאַנאַ) צו דער עדעלער דאַמע אַפּראָדיטאַ, און באַגיב מיך אויף אַן אָבסערוואַציאָנס שפּאַציר איבער דעם גרויסען זאַל.

פון דערווייטענס באַמערק איך אַ דאַמע גרימירט אַלס די אַלטקייט וואָס זוכט די פאַרלוירענע יאָהרען. נעבען איהר באַמערק איך אַ מאַן וואָס טראָגט אַ מאַסקע מיט אַן אויפשריפט „דער פאַרשפּעטיגטער" — געלעבט אַ נישט געלעבטעס לעבען.

עס קומט מיר אַ קעגען ווענוס, און גיבט צו מיר אַ שמייכעל. איך פאַרנייג מיך צו איהר און נעם זי צום טאַנץ.

די מוזיק שפּיעלט אַ לירישען פאַרבענקטען טאַנגאָ, וואָס דראַמאַטיזירט אַ נישט דערגרייכטער אונגליקליכער ליעבע.

איך באַוועג מיך לאַנגזאַם, אין טאַקט פון דער וואונדערליכער מעלאָדישער מוזיק, און זאָג צו דער מייעסטעטישער ווענוס אַז זי זאָל נישט פאַרלירען איהרע הענד אַזוי ווי די ווענוס פון מוזעע דע לאָוור פון פאַריז. זי באַגרייפט אינטעלע־גענטיש מיין זאָג און שמייכעלט און זינגט אַ געזאַנג פון ליידענשאַפט און געוואַלטיגער לוסט.

דאָ פאַנגט די מוזיק אַן אַ פריילעכען טאַנץ וואָס רופט זיך: ווייַן, ווייב און געזאַנג. איך טאַנץ מיט איהר אין פריילעכען שריט, אפילו נאָך נישט דאָ פאַרזוכט פון ווייַן און שאַמפּאַנער.

עס קומט מיר אַ קעגען אַ מאַסקע, וואָס סימבאַליזירט דעם אַרטיפיציעלען באַנקראָט. דאָס מיינט אויך באַנקראָט פון אידעען און צוזאָג, פון אייגענטום און רייכטימער, פון וועלט און גענוס.

מיין פריינדין, די ווענוס, געזעגענט זיך מיט מיר (אויף דער וויַיל), און איך פאַרנעם מיך ווייטער, אַלס דער באַאָבאַכטער, און אויך אַלס אַ שטודיום׳ס פּערזאָן.

עס באַווייזט זיך פאַר מיר אַ קוריאָזע מאַסקע וואָס דרוקט אויס צינישע פרעכהייט, מיט אַן אויפשריפט: דער באַליידיגער און פאַרלעצער פון געפיהל און מענשליכען ווערט. איהם גייט נאָך זיינער אַ חבר, וואָס טראָגט אַ מאַסקע „די איגנאָראַנץ".

דאָ פּאַסירט אַ קליינער אינצידענט. אַ דאַמע גרימירט אַלס די באַביליאָנישע קעניגען סעמיראַמיס טרעט מיר אַן אויפן פוס. זי ענטשולדיגט זיך העפליך פאַר מיר. באַגרייף איך, אַז איך דאַרף יעצט רעכענען מיט דעם מאָמענט, און איך פאַרנויג מיך צו איהר פאַר אַ טאַנץ. זי נעמט אָן מיין איינלאַדונג מיט ערנסטען בליק און מיר באַוועגען זיך צוזאַמען אין דעם טאַנץ. די מוזיק

שפּיעלט פּונקט אַ יאָהאַן שטראַוס וואַלצער פון עכטען וויענערישען כאַראַקטער, און איך דריי זיך מיט איהר אין גרויסען געזעמעל. נאָך דעם טאַנץ באַוועגען מיר זיך צום בופעט און פאַרזוכען אינדיק און רוסישען קאַוויאַר מיט ליקער געט־רענקען, קאַנאַדיאַן קלוב און זיעגראַם ווי־אַ.

די דאַמע שרעקט זיך נישט פאַר דעם טרונק און באַשטעלט איינס נאָך איינס.

איך באַמערק אַז דאָ קענען פאָלגען שלעכטע באַביליאָנישע רעזולטאַטען, און נעם זי אַוועק פון דעם טרינקען מכלמרשט צו דעם נייעם מוזיקאַלישען טאַנץ. זי דענקט פיליכט, אַז איך בין אַן אַסירישער פּרינץ. עס ווערט פּונקט געשפּיעלט אַ פאָקס טראָט, און איך האַלט איהר פעסט אין פאָקס טראָט בעוועגונג און שריט, און זי צייגט שוין די ווירקונג פון שאַרפען געטראַנק. איך ווער אויך קאָמפּראָמיטירט אַלס אַ טרינקער ביי די אַרומיגע בליקען און טענצער.

דער פאָקס טראָט איז פאַרענדיגט. איך זאָג איהר אַדיאָס (אַלאַ מעקסיקאַנאַ) און פאַרנעם מיך ווייטער אויף דעם וועג פון אינטערעס און נייגיריגקייט.

עס קומט מיר אַ קעגען אַ מאַסקע וואָס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ קאַרי־קאַטור, און עס איז שווער צו באַשטימען די באַדייטונג, מיט אַן אויפשריפט, קאָמפּאָזיטאָר פון רכילות און בלבולים. איך טראַכט ביי מיר, אַז פון אַזאַ פּראָ־פעסיע האָב איך דערוויל ביז יעצט נאָך נישט געהערט.

ער גייט צוזאַמען מיט אַ דאַמע וואָס טראָגט אַ מוזיקאַלישען אינסטרומענט, אַ לירע פון דער אַלטער צייט, און זי זעלבסט איז גרימירט אַלס די מוזע פון ליגענס און באַטרוג. זי טראָגט אויך אַ פּאָר אויגען גלעזער פון פאַרשיעדענע קאָלירען און פאַרבען. דאָס מיינט, אַז זי קען די ליגענס און רכילות׳ען באַ־פאַרבען אין פיעלע פאַרשיעדענאַרטיגע קאָלירען, אַז די לייכטגלויביגע זאָלען קענען פאַרבלענדט און פאַרפירט ווערען פון איהר גרויסער כישוף׳דיגער מאַכט.

דאָ הערט זיך אַ קלאַפּען פון אַ באַראַבאַן — אַ סיגנאַל, און אַ ביהנע באַווייזט זיך פון ווייטענס.

עס טרעט אויף דער באַלעט אין דעם טאַנץ באַטיטעלט „מאָדערנע קאָמו־פלאַזשען" און ווערען באַגייסטערט אַפּלאָדירט פון דעם עולם.

און עס טרעט ווייטער אויף אַן אָפּערא זינגערין, און זינגט אויך מיט גרויס דערפאָלג אייניגע אַריעס פון פאַרשיעדענע וועלט באַרימטע אָפּעראַס.

יעצט קומט דער באַרימטער אָפּעראַ זינגער און זינגט אייניגע מעפיס־טאָפעלישע געזאַנגען פון גונאָס און געטהעס פאַוסט. און יעצט איז דער אַנטראַקט פון באַל. דאָס ווערט אויסגערופען און באַקאַנט געמאַכט דורך הויך מאַגנעטישע שטים טענער, וואָס הערען זיך אַרום איבעראַל און עס באַוועגט זיך די פרייהייט פון קאָנטאַקטען און געשפּרעכען פון באַקאַנטע און באַקענטע, פון באַגעגענישען און געטראָפענע. עס פינקעלט שאַמפּאַנער און ליקערען אין די גלעזער און די טישען זענען פיעל מיט אַפּעטיטליכע פּראָדוקטען פון עפּיקורעאישען אינהאַלט עס איז יעצט צוועלף אַ זייגער אין דער נאַכט.

נאָך אַ שטונדיגען אַנטראַקט פאַנגט זיך אָן דער צווייטער טייל פון באַל, מיט אַן אָוּוערטורע פון דעם אָרקעסטער מיט אַ כאָר. אין דעם פרייד געזאַנג פון דער ניינטער סימפאָניע פון בעטהאָווען און דאָס געדיכט פון דעם דיכטער שילער.

און יעצט פאַנגען זיך ווידער אָן די טענץ. אָבער יעצט ווערט שוין געטאַנצט מיט פעסטען קרעפטיגען כאַראַקטער, ווי דער גאַנג פון די נייע מאָדערנע סטרימליין באַהנען. פראָגרעס איז פראָגרעס, אויך אויף דעם געביעט, עס קומען נייע געסט, סטרימליין טענצער, נייע מאַסקען, נייע אוניפאָרמען.

עס באַווייזט זיך אַ פערזאָן גרימירט אַלס אַ ריזיגער וואָלפיש מיט אַן אויפשריפט „דער פאַרשלינגער פון אינדיווידואַליטעטען." מיט איהם גייט צוזאַמען אַ פערזאָן גרימירט אַלס אַ ריזיגער אָקטאָפּוס מיט אַן אויפשריפט „דער פיינד געגען דעם אינדיווידואליזם".

עס זעהען זיך מאַסקען פון דעם אינקוויזיטאָר טאָרקוואָמאַדאַ און אויך פון די אַלטע דעספּאָטישע מאָנאַרכען.

דאָ באַמערק איך אַ דאַמע פון ווייטענס וואָס שיינט מיר פאַנטאַסטיש ווי אַ טרוים פון טרוימען, ווי אַ וויזיע פון הערליכסטע שענהייט.

איך באַוועג מיינע שריטען סטרימליין־אַרטיג, מאָדערנע, און פאַרנויג מיך פאַר איהר. זי שטרעקט אויס איהרע עדעלע ווייסע צערטליכע הענד, און מיר באַוועגען זיך אין פעסטען קרעפטיגען סטרימליין טאַנץ אין דעם געזעמעל.

נויאָרק, אָקטאָבער, 1948

„די וואַנט פון אַ מוזעאום"

דאָס בילד אדם

אייביג באַגער נאָך גליקזעליגקייט
און גן עדן'דיגע פראַכט,
פון רוה — ליעבעס לעבען — געטליכקייט —
„דער קריסטאַל" פון טאָג און נאַכט.

ווייל גליקליך איז דער טאָג און מאָרגען
ס'לעבען איז אַ וואונדער ליעד,
עס קומט דעם מענשען נישט צו זאָרגען
ער זאָל צום טרוים נישט זיין מיעד...

צו קלערען, פאָרשען, טראַכטען, דענקען,
נישט געקוועלט אין גייסט און הערץ,
און אימער נאָך דאָס נייע בענקען
נישט ליידענדיג קיין וועלט שמערץ...

דאָס בילד חוה

און דאָך געשטרענגט פון טיעפען דענקען —
גרייפט דער מענש צום וויסענס ברוים,
שטאַרק געגייגט פון באַגער און בענקען
ווערט דער מענש דאָך פריי פון צוים.

נעמט די פרוכט פון שלאַנגען צערטליכקייט,
פאַר דעם גליק — צו געגען גליק?
און געפינט דאָך נישט די זעליגקייט —
קלאָגט ער מיט פאַרשעמטען בליק...

דאָס בילד שולמית

עס טראָגט דער מענש די צערטליכקייטען,
אין זיין נאַטור, אין זיין גייסט,
אין אַלע גרויסע קליינע צייטען
איז דאָס באַוואוסט ווער עס ווייסט...

ווען די געוויסע עלעמענטען —
גלייך פאַראייניגט אין איין קראַפט,
זינגען דאַמאָלסט די פירמאַנענטען
ס'לעבען פרייד זיך און עס שאַפט, —

פיעל פאַרגעניגען, דערגרייכט באַגער,
פרייד אין אַ יעדען געצעלט,
און אַ שיר השירים זינגט — ליעבע —
לעבען, שענהייט, קונסט, און וועלט...

און עס זינגען מיט אַלע הימלען,
מיט דעם גלאָק פון פרייהייטס־קלאַנג,
פריינדשאַפט, טרייהייט אין אַלע וועלטען
מענש — נאַטור — אין כאָר געזאַנג.

איבעראַל אַרום איז אייביגקייט,
אַ האַרמאָניע דאָ און דאָרט —
פעלד ליעדער, און טאַנץ ספּעקטאַקעלען,
מיט מוזיק, געזאַנג און וואָרט...

דאָס בילד קעניג דוד

ווייל אויך מיט שעהנע האַרפען קלאַנגען
מוז די מענשהייט — אויך דער מענש,
דעם ציעל דערגרייכען מיט געזאַנגען
קלינגט אין לופט דאָס וואָרט — איך בענש...!

און קרוין דיך וועלט צום שעהנעם לעבען,
ס'גליקט דיר ליעבע — פריעדענס קראַנץ —
און זעה — עס האַלט זיך אין איין וועבען
געזאַנגען — לוסט — פרייד — און טאַנץ...

דאָס בילד קעניג שלמה

און אויף דעם דענקער טהראָן — פון דענקען —
טראָהנט דער גרויסער דענקער גייסט,
גאָר געשטרענגט פון אַ טיעפען בענקען
איז אַלץ ווייניג וואָס ער ווייסט.

באַגרייפען חכמה, און — באַגערען —
וואַרהייט, שעהנהייט, קראַפט און ליכט,
און וואָס מעהר — און פיעל צו באַלעהרען
שאַפענדיג דאָס וועלט געריכט.

דאָס בילד סאָפּאָקלעס

וױ רײן עס איז דער שעהנען הימעל
װערט ער אויך מיט װאָלקען גראָה,
און ס'קומט אָן מיט אַ שטיל געװימעל
אונבעקאַנט — װאָס איז לאַנג שוין דאָ.

דער צופאַל — קאָנפליקט — בײז און לײדען
האָט אין לעבען אײביג אָרט,
און ס'שלעכטע קען זיך נישט פאַרמײדען
עס העלפט נישט — העלד — גײסט — און װאָרט...

דאָס בילד שעקספּיער

פון מענש — מענשהייט — אין אַלע צייטען —
איז דער גייסט פון גוט און בייז,
ווי געבונדען פון זילבער קייטען
ווער ס'איז שולדיג פעהלט באַווייז.

עס איז דער מענש — און מענשהייט אימער
געוועזען קליין, קורץ און גרויס,
אין שטאָדט, דאָרף, אין לעבען, אין צימער,
קאַריקאַטור — שעהנע רויז . . .

דאָס בילד געטהע

עס רוהט אין מענשענס זעעלע אימער
ס׳גוטע געפיהל און באַגער,
און פיעל באַהערשט פון זאָרג און קימער
צו דער אידעע פון גוטען וואָס מעהר.

פיעל מאָל האָט טריאומף שוין געזינגען
דעם זיעג פון גוט איבער בייז,
אַרום איבעראַל אויסגעקלינגען —
עס איז באַקאַנט שוואַרץ אויף ווייס...!

דאָס בילד סאַפאָ

אין אַ ים שטורם פון ליעבעס לעבען
טרייבט דער מענש זיין שיף זעהר ווייט,
געהיימע בענקשאַפט, און באַשטרעבען,
נאָך 'שטורם ליעבע" פריהלינגס צייט...

ס'פלאַמט אויף מיט פייערליכע שטראַהלען
די עראָטישע ליעבעס לוסט,
און דער מענש ווי איין קינד מוז פאַלען
צו די מוטער ליעבע ברוסט...

דאָס בילד עדגאַר פאָע

דאָס לעבן אַלס אַ וועלט סימפהאָניע
פון שעהנסטע הימלישע הויך.
אין אַ צאַרטע שעהנע האַרמאָניע
דאָ קומט שוין די ליעבע אויך...

דאָך ליעבע קען אויך זיין אַ פּראָלאָג
צו לעבענס דראַמאַ און וועלט,
אַזוי ווערט דער מענש אַ סאָציאָלאָג,
און ווערט אויך סאָציאַל געשטעלט...!

דאָס בילד געאָרג וואַשינגטאָן

אָ פרייהייט — גלייכהייט — ברודערליכקייט —
און אויך אַ מענשליכע וועלט,
מיט צערטליכקייט און גוטע אידעע
איז דאָך דער טהורם פעסט געשטעלט.

און ליעבע, לעבען, שענהייט, פריידען,
מיט האַרמאָנישען געזאַנג,
אַ טאַנץ פון גליק און וועלטען לעבען
מיט יובעל און האַרפען קלאַנג.

און קלאָרער ווערט דער ציעל פון לעבען
לויטער ווערט דער מענשען גייסט,
די שיף גייט פאָרווערטס מייעסטעטיש,
מיט שיף׳ס קאַפּיטאַן וואָס ווייסט . . . !

דאָס בילד נבוכדנצר

האַ — דער קעניג איבער קעניגע —
זיכער ווייסט די וועלט פון מיר,
אין יעדען ווינקעל און איבעראַל
זיעגרייך אין אַ יעדען ריהר.

און עס מעהרען זיך לאַנד געביעטען,
נייע שקלאַפען, נייער שטאַם,
הע — ! טרייע לייט — כ׳בין גרייט צי שפּאַציר
דורך עפּהראַט אין שיף „אַרק פלאַם״.

דאָס בילד באַקונין

מיין ריעזען האַנד שטייגט אין קראַפט מוסקול —
איך אָטהעם די געזונדע לופט,
און פריידענס לוסט זינגט אין מיין נאַטור,
דאָס לעבן רופט... ס'לעבען רופט...

איך קען קיין שקלאַפען וועלט נישט ליידען —
ניין — ניין — אָ פינסטערע נאַכט,
כ'האָב געגוג ליעבע פאַר די מענשען —
נידער טיראַנישע מאַכט...!

דאָס בילד קאַרל מאַרקס

זעהר פיעל באַזאָרגט אין ליידען זענען
וועלט פאָטער און מוטער ערד,
זיי ווילען דאָס גוטע דערקענען
אין אַ לעבען וואָס באַגערט, —

קיין פיין, קיין אונגליק, קיין ווירוואוואַר,
צערטליכקייט און גלייכע וועלט
קיין ליידענס מענש, און קיין פראָלעטאַר —
ריכטיג פינאַנציעל געשטעלט...!

דאָס בילד דאַנטע

כ׳טראָג צוויי בענקשאַפטען אין מיין זעעלע
בעאַטריץ — און דאָס וועלט בילד. —
ליעבסטע בעאַטריץ! איך בין פייער,
געטליכעס פייער און ווילד —

פאַרבענקט נאָך דיין עדעל שענהייט
און וואונדערליכער געשטאַלט,
און מוזיק איז מיר דיין באַוועגונג
ווי דער סוד פון שעהנעם וואַלד.

באַשטרעב איך דאָס מיט דיר צו ווירקען
אין ליעבע און פאַר די וועלט,
שטייגען מיר אויף אַלס גייסטער העלדען
צום נייעם לעבען געשטעלט.

געטליכע ליעבע, נייעס לעבען,
גליק און פרייד, און צאַרט געזאַנג,
עס זינגט אויך מיט די וועלט און נאַטור,
און פון ווייט דער עכאָ קלאַנג...!

דאָס בילד סאַלאָמעאָ

פאַר דיין געשטאַלט ליעבער יוחנן !
טאַנץ איך מיין באַוועגונגס טאַנץ,
און יונג בין איך ווי שעהנער פריהלינג
מיין קאָפּף קרוינט אַ בלומען קראַנץ.

איך קוש דיין קאָפּף און שעהנע אויגען
אויף גאָלד און זייד — ווייכען גרונד,
און דערגרייך מיר דיין סוד פון לעבען
און אַ גרויסען ליעבעס בונד . . .

שטורמישער — זעעלע — ווילד און ווילדער —
כ'וואַרף מיין לעצטען שלייער שוין,
מיין נאַקט־לייב פריהלינג איז דופּט בלומען, —
און לעבען מוז זיין מיין לוין . . . !

ס'הויבען זיך מיינע שעהנע פיס זיילען
און עס זינגט מיין הערץ און ברוסט,
עראָטישען ציטער און באַגער
פון אַ געשלעכטליכער לוסט . . .

און מיין קאָפּף און פּערעל־האַלז געשטרענגט
צום הימעל גלייך ווי צו גאָט —
בעטענדיג פאַר לעבענס לוסט באַגער
וואָס באַגרייפט נישט קיין פאַרבאָט.

איך טאַנץ דעם לעצטען צוג אָ לעבען !
ריטמיש מיט פיזישן גרונד,
מוזיק און בליה געשלעכט באַוועגונג
פייערליכער ליעבעס בונד . . . !

דאָס בילד הענריך היינע

אָ ליעבעס באַגער ! בענקשאַפט, ליידען,
אויסגעצערט פון ליעבעס לוסט —
איז מיין צאַרטע מענשליכע נאַטור
גייסט און זעעלע הערץ און ברוסט.

אַ טראַגיש נישט דערגרייכטע ליעבע
מאַכט מיין לעבען ליידען לאַנג,
אונפאַרגעסליך אין אַלע צייטען
פון שטורם ליעבע — ליעבעס באַנג...

אָ שעהנע הערליכע סאלאמע !
כ'האָב דיך דערגרייכט אין געהער,
דיין טהאַט מאַכט מיך שרעקליך אויפגערעגט
ווילד אונמענשליך באַגער.

דאָך כ'ווייס נישט וואָס מיט דיר צו ווירקען
כ'מוז דאָס דורך דענקען אין רוה,
איך וואָלט מיט דיר דערווייל צו פאָהרען,
נאָך ווערסייל, און פאָנטען־בלאָ...!

דאָס בילד די חוה שלאַנג

איך בין די חוה שלאַנג ! שוין צייטען —
טויזענטער יאָהרען באַקאַנט,
עס האָט זיך חוה נישט געשראָקען
פאַר מיין טרייע צאַרטע האַנד. —

פון וויסענס בוים די פרוכט צו עסען,
די פרוכט איז גוט, גאָר נישט שלעכט,
האַלט מיין פריינדין דעם שעהנעם עפּעל
אָדער בלייבסט אַ גלויבענס קנעכט ?

געפאָלגט האָט מיך די שעהנע עוואַ
נעמט דעם עפּעל פון מיין האַנד,
און טאַנצט פאַר פרייד אַ שעהנעם וואַלצער
מיט מיר צוזאַמען ביינאַנד.

אויך זעלבסט איך בין אין פרייד געוועזען
האַ־האַ־האַ־האַ־האַ־האַ
האָט עוואַ דערהערט מיין פריידיגקייט
טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ. —

פאַרביי איז שוין טויזענטער יאָהרען,
יאָ שווערע צייטען פאַרביי —
יעצט האָב איך אַ פרוכט פון אַ גאָרטען
וואָס איז גוט און אויך גאָר ניי...

אַ פרוכט פון דעם „גאָרטען פּאָעזיע"
איין עפּעל פון הימעל בלאָ —
און יעצט רוף איך דיך — נייע עוואַ !
עוואַ ! דער עפּעל איז דאָ...

אָ עוואַ! וואונדער שעהנע עוואַ!
ס'ציטערט דער עפּעל אין האַנד,
אָ קום די הויכע שלאַנקע צאַרטע —
מיר געהען אויך אַ וואַלץ ביינאַנד.

כ'האָב דיר אויך אַ סוד צו באַגעבען
פון איין אדם — דיכטער מענש —
וועמען זאָלסט געפינען אין לעבען
אַזוי קרוין איך אייך און בענש, —

מיט לעבען, ליעבע, גליק און פריעדען,
פרייד איך מיך — האַ־האַ־האַ־האַ —
און טאַנץ מיט אייך דעם גרויסען וואַלצער
טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ...!

דאָס בילד נינאָן דע לענקלאָס

מיר שיינט איך הער אָ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ —
אָ עוואַ שלאַנג ! כ׳הער דיין רוף,
זיכער אויך דיין אָלאַ־לאַ־לאַ־לאַ —
בין איך פעסט און פייער פרוף...

באַגערט וואָלט איך צו עגזיסטירען
אויך אין דער יעצטיגער צייט,
כ׳וואָלט געפעלען אַ „דיכטער מענשען״
און דערפאַר איז נישט קיין שטרייט.

אַך וואָלט איך איהם אַ וועלט מיט ליעבע —
זיין הערץ און זעעלע דערגרייכט,
געקושט זיין שעהנעם קאָפף און שטערען
און צום אידעאַל פאַרגלייכט.

בין איך אָבער שוין לאַנגע יאָהרען
באַהאַלטען טיעף אין די ערד,
איז יעצט מיין ליעבעס טעמפעראַמענט
פאַר קיין „דיכטער מענש״ נישט ווערט...!

דאָס בילד ראַפאַעל

דער הימעל ריין אין בלויען וואונדער
ס׳זינגט די נאַכטיגאַל אַ ליעד,
און די שטערען ווי הימעלס קינדער
שיינען, פינקלען, מילד און מיעד.

און לבנה שיינט ווי אַ מאַדאָנאַ —
מיט אַ צערטליכען געזיכט,
באַמערקט די שטערען קינדער שיינען
צופריעדען מיט׳ן וועלט געריכט...!

אַפּריל

מיר שײַנט װי ס'װאַרט
גאָר טיף פֿאַרטראַכט,
פֿון װינטער שלאָף
די אַפּריל נאַכט.
שױן לאַנג ערװאַכט...
און מאָרגען גרױס,
גאָר פֿריה געבראַכט
און איז פֿאַרטראַכט...
ס'איז שטיל דאָך רױשט
נײַעס לעבען,
עס שטורמט די לוסט
נײַעס לעבען,
עס גרינט די ערד
פּערפֿום די לופֿט
דער פֿריהלינג װערט
און ס'עכאָ רופֿט
נײַעס לעבען...!
נײַעס לעבען...!

אויף ווידערזעהען...

עס האָבען די בלומען —
די הימלישע בלומען,
פאַרבעטען די מלאכים
אין פריהלינג צו קומען.
אַזוי זענען מלאכים
מיט פליעגעל באַוועגונג,
געקומען פאַרזאַמעלט
אין געטליכע רעגונג...
עס שווייגען די בלומען —
די מלאכים זיי שווייגען,
און דער ווינד די בוימער —
באַוועגט נישט די צווייגען,
און ס'שטילען די קוואַלען
די ים'ען און טייכען,
אַלס איז אין אַ שטימען —
פון רוישען קיין צייכען...
גלייך האָבען פאַרשטאַנען
די מלאכים די בלומען,
און זענען פאַרשוואונדען
גלייך ווידער צו קומען...!

צופרידענהייט

געבענשט איז די בליהונג —
ס׳בליהען שוין די פעלדער,
אַרום אַלע זייטען —
גרין זענען די וועלדער.
עס גרייכט שוין דער זומער
אין ווייטען געלאַנגען,
עס זענען שוין צייטיג
די גאָלדענע זאַנגען.
ס׳קומען די יונג פרויען
און ס׳קומען די מענער,
מיט פריידיגע ליעדער
און הערליכע טענער.
גרוסען מיר דאָס לעבען
אַלע לעבענס צייטען,
קומט אונז אויך די ברכה
פון ווייטען און ווייטען.
קישען מיר די נאַטור
אַלע לעבענס פאַרבען
בינדען מיר די זאַנגען,
אין רייכערע גאַרבען...!

פאַסטאָראַל

כ׳זינג ענטציקט
איין שעפּפונגס ליעד,
כ׳זינג באַגליקט
און ווער נישט מיעד.
ס׳ציהט מיין הערץ
אַוועק גאָר ווייט,
כ׳פיהל אַ שמערץ
נאָך בליהונגס צייט . . .
בליהונגס דופט
פאַרוועלקסט נישט מעהר —
ריינע לופט,
און קלאַנג געהער . . .
קלינגט שוין גלייך
אין וואונדער קלאַנג,
כ׳זינג מיט אייך
איין שעהן געזאַנג.
כ׳זינג ענטציקט
איין שעפּפונגס ליעד,
כ׳זינג באַגליקט
און ווער נישט מיעד . . . !

נבוכדנצרס חלום

עס איז אַ הערליכער טרוים פון טרוימען!
פון אַ ווייטען טרוימען־לאַנד אַ טרוים, —
און אָ ווי שעהן עס איז אויך געוועזען
אָ יענער — אָ יענער טרוים פון בוים...
ווי בליצען האָבען די אויגען געשטראַהלט
אַקעגען נבוכדנצר דעם העלד —
דער קעניג פון באַביליאָן וואָס באַגערט
צו באַהערשען די אַרומיגע וועלט.
האַ — האַ — וועלט הערשאַפט? ס'הויבט זיך דיין ווילען —
שוין צו די הימלען — דו ביסט פרעמד דאָרט,
ער זעהט פאַר זיך אַ מעכטיגען גיגאַנט
מיט פלאַמענדע בליקען, קראַפט און וואָרט...
ווער איז געוועזען דער גרויסער טיטאַן?
וואָס האָט זיך קעגן קעניג געשטעלט? —
ווער? — זיינען אויגען זענען צוויי בליצען,
און שטייט ווי אַ סטאַטוע אין דער וועלט...
דער קאָפּף געוועזען איז אַ גאָלדענער
און פון זילבער איז געווען די ברוסט,
די לענדען זענען געווען פון קופּפער
אין אַ האַרץ פון אַ זילבערנע לוסט...
און די פיס זענען געווען פון אייזען
און די פיס זענען געווען פון ליים,
דערשראָקען איז קעניג נבוכדנצר
אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ און היים...
עס איז אַ הערליכער טרוים פון טרוימען!
פון אַ ווייטען טרוימען־לאַנד אַ טרוים —
און אָ ווי שעהן עס איז אויך געוועזען
אָ יענער — אָ יענער טרוים פון בוים...!

נבוכדנצר פאַרלוירען

(פראַגמענט)

(אין פּאַלאַסט אַלע זענען פייערליך פאַרזאַמעלט.)

נביאים:

מזרח, מעריב, דרום, צפון,
צפון, דרום, מעריב, מזרח,

חכמים:

אין וועלכער זייט — און ווי הייסט דאָס אָרט?

מכשפים:

מזרח, מעריב, דרום, צפון,
צפון, דרום, מעריב, מזרח,

סענאַט:

אין וועלכער זייט — און ווי הייסט דאָס אָרט?

מיניסטאָרען:

ווער עס דערבליקט זאָל זאָגען זיין וואָרט.

חכמים:

רעכטס, לינקס, — זיכער שיינט אונז דאָ און דאָרט.

כאָר:

אָ ווער ס'דערבליקט זאָל זאָגען זיין וואָרט.

נביאים:

אין אַ שעהנעם וואַלד און טהאָל —
ביי די הויך עבענע „הימעלאַיאַ”...

כאָר:

ווי איז קעניג נבוכדנצר?

נביאים:

ביי די הויך עבענע „הימעלאַיאַ”...

מכשפים:

נון שפּרעכען מיר מיט איין מאָל.

כאָר: (אַלע)

ביי די הויך עבענע „הימעלאַיאַ”...

וועגדימאַר:

אין אַ בלאַסער לבנה נאַכט,
דער הימעל טרוים מיט די העלסטע שטערען...

כאַר:

אונזער קעניג נבוכדנצר!

וועגדימאַר:

אַלס אין בלויען שאָטען פראַכט —
געהילט פון בענקשאַפט און טיעף באַגערען,
קיין זילב — שטיל מיט לייכטע שריט —
און פילייכט באַגלייט פון פרינץ באַלשעצאַר...

באַלשעצאַר:

דעם „מעדיען" טרוימט זיך זעהר גוט.

וועגדימאַר:

דורך דעם גאָרטען „העליאָוויט"
איז אונזער קעניג נבוכדנצר —
צו דעם קריסטאַל בלויען פלוס,
צום העלסטען וואַסער שפיעגעל עפהראַט...

כאַר:

און קיין וואָרט, און נישט קיין גרוס?
ביים העלסטען וואַסער שפיעגעל עפהראַט...

וועגדימאַר:

ביים ברעג איז שוין „סאַפיר גראַל"
די זילבערנע שיף — כ'ווייס נישט פון וועמען?
גרייט געווען צום ווייטסטען וועג...
„סאַפיר גראַל" איז נישט אין לעהמען
געלעהמט ווי די שיף „אַרק פלאַם"
נור גייט זיכער הערליך ווי איין מוזיק
אין דעם טיגריס, אויך אין ים,
רוהיג, גלייך — ווי פון אויג דער שטאַרער בליק...!
פון „עפהראַט" איז די שיף
איין אין „טיגריס פלוס" פון שנעלען שטרוימען,

ביי פעלזען בערג צום מעער צו
פאַרביי שטאָדט אַזור — די שטאָדט פון טרוימען...

חכמים:
ווייסט דאָס קלאָר פרינץ ווענדימאַר

וועגדימאַר:
כ'ווייס נור נישט קלאָר, צו האָט פרינץ באַלשעצאַר
דעם קעניג באַגלייט אין וועג,
פיליכט סעמיראַאַנטיאַ נבוכדנצר?
ווי עס פלעגט דאָך אימער זיין
ווען דער קעניג איז נאָך ווייטע וועלדער
אויסגעפאָהרען אויף געיעג —
איןווילדע וויסטען, אין ווילדע פעלדער...!

פיזיאָנאָמיע „בעטהאָווען"

אָ צוקונפטס וועלט — און לעבענס אידעאַל !
איך שטרענג מיין גייסט הימעל ווייט
מיט וועלטען גייסטער זיך פאַראייניגט
נאָך די גרויסע — גרויסע צייט.

און ווי אַ הערליכע סימפאָניע
קלינגט אויס דאָס לעבען די וועלט,
און אינדיווידום, דענקער, דיכטער,
אַלע ביינאַנד פעסט געשטעלט —

באַשטרעבענדיג דאָס מענשליכע
אין געניאַלע דענקער מאַכט,
און ס'שטראַהלט אויף דאָס לעבען וואונדערליך
פון ליעבע, גליק, טאָג און נאַכט...

און עס קלינגען ליעדער יום טוב'דיג
מיט מוזיק — מיט מוזיק ביינאַנד,
ס'גרוסען זיך מענשען מיט שטורם ליעבע
צום לירישען וועלט פאַרבאַנד.

און ס'שטייגען ריעזען און טיטאַנען
גייסטער — דענקער — אָן אַ צאָהל —
העלדען מענער — און העלדען פרויען —
און באַגינען מיט איין מאָל —

די גרויסע הימנע פון דעם קאָסמאָס
נאָהנט און ווייט אויף יעדען אָרט
עס זינגען אַלע מענשען וועלטען —
דעם טריאומף — דאָס גרויסע וואָרט...

בעטהאָווענס וויזיאָן

(נאָך איין בילד פון באַלעסטער)

אין אַ געהיימען ווייס מאַרמור פּאַלאַסט
אויף אַ באַרג צום הימעל די ווייט,
שלאָפט זיך בעטהאָווען — דער גרויסער בעטהאָווען
שוין אַ לאַנגע — לאַנגע צייט.

שלאָפט זיך געלעהנט זיין קאָפּף אויף אַ טישעל
אַרום איהם די שכינה שיינט העל,
ס׳קרוינען זיין קאָפּף אַ מלאכים אָרקעסטער
פון ווייטענס ליגט זיין וויאָלין־טשעל.

און עס שלאָפט זיך בעטהאָווען זיס און געשמאַק
פון געטליכע טרוימען באַגליקט,
אַ ווייטעס געזאַנג וואָס הערט זיך פון הימעל
טרוימט איהם דאָך שלאָפענדיג ענטציקט...

און אויפכאַפּען פון שלאָף וויל זיך בעטהאָווען
ווירקליך זיינע טרוימען דערזעהן,
אָ שעהנע טרוימען, הימלישע געזאַנגען,
ווי הערליך איהר זייט... און ווי שעהן...

שווער איז בעטהאָווען פון שלאָף זיך דערהייבען
די טרוימען — זיי האַלטען איהם צו...
און ער שיקט צו גאָט אַ הייליגע תפילה
איהם העלפען — זאָל ער געבען זיך מיה...

און גאָט האָט די תפילה פון צדיק דערהערט
און גלייך די מלאכים ענטדעקט,

אַז דערהויבען פון שלאָף וויל זיך דער גאון
און שוין מוז ער ווערען דערוועקט...

און דערהערט האָט'ס גלייך דער קאַפּעלע מייסטער
און הויבט שנעל אַלס צייכען זיין האַנד
אַז שוין מוז מען העלפען דעם גאון דערוועקען
שנעל — שטימט אייך איין אַלע ביי־נאַנד...

נאָך אַ מאָל אַ צייכען — ווידער אַ צייכען —
עס איז שוין דער דריטער סיגנאַל,
און גלייך פאַנגען אָן די טענער צו ווימלען
שעהנסטע אַקאָרדען — וואָס שפּרעכען צו אַל.

וועלטען מאָטיוון — פון שיקזאַל — שמערץ — ליעבע —
ס'האָט איהם גלייך דערוועקט אויפ'ן שטעל
און באַגייסטערט פון שלאָף זיך דערהויבענדיג
כאַפּט ער אין האַנד זיין וויאָלין־טשעל...

און גיבט זיך צייטיג אַ ריהר אָן זיין שטערען
דעם זכרון דערפרישען אויפס'ניי —
אַז ריכטיג און אַלעס זאָל מען איהם הערען
וואָס שלאָפענדיג איז איהם פאַרביי.

ווייל דאָס זענען קיין חלומות געוועזען
נור געטליכע שטימען געוועבט,
צו איהם האָבען די אונענדליכע וועלטען
אין הערליכען פאַלאַסט דערשטרעבט.

און נישט זיך פאַרזוימען וויל דאָך בעטהאָווען
און שנעלער די סטרונעס שטימט אָן,
אַז די טענער זאָלען הייליג זיך הערען
חלילה נישט פעלשען קיין טאָן.

עס ווימלען צוזאַמען טענער האַרמאָניש
אין אַ הייליג געטליכען כאָר,
ס'שטייגען געשטאַלטען פאַנטאַסטיש מיט האַרפען
ווי טיעפע סימבאָלען אַ פּאָר...

ס'שוועבען די טענער אין לויטער געטליכקייט
און איינט צוזאַמען איין און אַל —
ס'דערקענט זיך פּראָפהעטיש „ס'זעעליגע אינזעל"
פון נייעם גליק און לעבענס קוואַל...!

אידעאַלע בענקשאַפט

דער טהורם ביי דעם ברעג פון ים געזעהן —
פון ווייט — אויף מיין שיף פון טרוים,
שטראַהלט ווי איין פּאַראַדיז פון וואונדער
מיט פריהלינג — בלומען — און בוים.

עס געהט מיין טרוים שיף — לאַנגזאַם — לאַנגזאַם —
און גרין און בלאָה איז דאָס מעער,
אין מיין געדאַנק בליצט אויף — וועלט אידעע
מיט בענקשאַפט לוסט און באַגער.

אָ וועלט ! אָ וועלט פון גייסטער העלדען,
ס'הערט זיך אַ וועלט הימן פון ווייט,
אין איבערמענשליך וואונדער טענער —
נייע צוקונפט — נייע צייט...

איך שיק מיין בליק צום וייטען הימעל
און באַוועג מיין שיף זעהר שנעל,
אין מיין שעהנע היים ווער איך ערוואַרט
מיט פאַקלען וואָס לייכטען העל...

און פון וייטענס מיין טרוים-געליעבטע
שטעהט ווי אַ סטאַטוע פאַרבענקט,
כ'קום צו — קוש איהר געזיכט און שטערען —
אַך — כ'האָב פון דיר פיעל געדענקט...

מוזיק געניוס אין גן עדן

(פאַנטאַסטישע הימנע)

אַ טיעפע שטילקייט רוהט אַרום
פאַר דעם גרויסן גן עדן פּאַלאַסט,
ס׳ליכט איז לויטער בלוי אין הימעל
און דער גן עדן — גרין אין קאָנטראַסט.

מלאכים אין אַ שטיל געווימעל
שוועבן צייטענווייז מיט סיגנאַלען —
צו דעם שעהנעם פּאַראַדיז
באַשיינט פון בלאַסע צאַרטע שטראַהלען.

אַ זילבער קריסטאַל קלאָהר טייכעל
מורמעלט און שלענגעלט זיך דערנעבען,
שפּיעגלענדיג אין זיך דעם הימעל
מיט די מלאכים וואָס דורכשוועבען.

גרין געדיכטע ריעזען בוימער
אַרום אַהין און צוריק שפּאַצירען —
גלייכע רייהען אין איין ריכטונג
ביי די גרויסע גאָלד׳נע טירען.

און עס קומען פון אַ ווייטקייט
טענער פון האַרף און פלייט צו שוועבען,
מיט די שעהנסטע זינגער פייגעל
פאַראייניגט אין אַ גלייך באַלעבען.

ס׳קומט אַ וויאָלין־טשעל פון ווייטען
מעכטיג ווי אַ געוואַלד פון דונער,

מיט אַ ים באַרוף'ס מאָטיוועז
העל אויף — העל אויף — אַ וועלט געווינער...

ס'פאַנגט דער פּאַראַדיז אין גאַנצען
באַוועגען זיך אין גרויס ציטערונג,
אין אַ שטאַרקע דיסהאַרמאָניע
פון מוזיקאַלישע געוויטערונג...

דאָ שפּרינגט אַ שעהנע ריעז געשטאַלט
פאַרביי מיט שטורם און אַ געטימעל,
מיט גאָר אַ גרויסען פּאָן־טריאומף
פון טרוים וויזיאָנען אין דעם הימעל...

מיט בליץ שפּאַלט זיך גלייך דער הימעל
און רעכטס און לינקס פוןביידע זייטען,
קומען יונג פרויען און מענער
אויף ווייסע פליעגעל פערד צו רייטען...

העלדען מענער — העלדען פרויען —
אין רייהען פלעכטען זיך צוזאַמען,
עס שאַלט אין לופט דאָס אַלגעזאַנג —
מיט צוואָנציג טויזענט האַרפען גראַמען...

דאָ קומט אַ יונג פרוי צו שוועבען
אויף אַ וואָלקען ווי ווייסער זילבער —
פריידיג ענטציקט מיט געלעכטער
און טאַנצט גלייך די „פרייד" אין געפילדער.

זי דערכאַפּט דעם זילבער וואָלקען
באַשאַפט אַ ספינקס גלייך אין באַוועגען,
עס ווערט דער ספינקס באַלד לעבעדיג
און פאַנגט זיין ערשטען רעטזעל פרעגען...

דאָ קומט אַ יונג פרוי פון ווייטענס —
מיט אַ גאָלד'נעם עמער צו פליהען,
מיט זיסען געטער־וויין געפילט
פון אייביג אונשטערבליכען בליהען.

אַ שטורם — גערויש — אַ געטימעל —
אַ קלינגען מיט טראָמפייטען שאַלען,
עס ווערט די בלויע ליכטיגקייט
דורכשטראַהלט פון זונען העלע שטראַהלען.

אין גרויסען גן עדן פאַלאַסט
עפענט זיך ס'טויער פון אַלע זייטען,
דאָ קומט אָן דער מוזיק געניוס
אויף פייער פליעגעל פערד צו רייטען.

דער קאַנאַריק אין שטייג

ווער קלינגט נאָך מיר — ווער רופט דאָס מיך ?
מיט אַזאַ זיסען צויבער קלאַנג, —
אַך, דאָס איז דער וואַלד, שעהנער וואַלד !
עס איז מיר אָן דיר ווירקליך באַנג...

איך קום, איך לויף שוין ליעבער וואַלד !
איך בין שוין דאָ, און כ׳זיץ שוין גלייך,
אויף דעם צווייג פון ריעזען בוים
און אָ ווי שעהן... ווי הערליך רייך...

און כ׳בליק צום הימעלס זונען־שיין
די זון — זי בליקט דאָך אויך צו מיר,
ווי ליעב זי שמייכעלט פיעל מיט חן
אַזש כ׳זאָג דיר וואַלד, איך לויף צו איהר...

און כ׳הער אָ געזאַנג — ווער זינגט דאָס ?
זינגט פיליכט אַ ליעבסטע צו מיר ?
וואָס רעדסט דו וואַלד — דו נאַרסט מיך נישט,
איך לויף צו איהר... איך לויף צו איהר...!

ערוואַכונג

הערבסט — ווינטער — פריהלינג — זומער —
ס'קומט דער פריהלינג גאָר אויפס־ניי,
נייעס לעבען, נייע ליעבע,
לעבען — ליעבען — איז כדאי...

פון אַרום די זומער פּלעצער
רופען מענשען צו נאַטור,
צו די שעהנע בערג און פעלדער
פאַר בלומען — וואַלד און קרעאַטור.

קומען אויף די מענשען טעכטער
צו דער יום טוב פון נאַטור,
זיהן און טעכטער, ברידער, שוועסטער,
און דערקענען זיך אויפס־וואָהר...

קישען זיך די זיהן און טעכטער —
מאַן און ווייב און ווער באַקאַנט,
אויך זאָגאַר די עטוואָס שעהנע
זעהר גאַלאַנט און אויך שאַרמאַנט.

די מוזיק מיט שעהנע ליעדער
פאָקס־טראָט — טאָנגאָ — געזאַנגען,
עס טריאומפירט די ראָמאַנטיק
דעם וועלט באַרוף מיט קלאַנגען...!

אויף די פליגלען פון גייסט

(ווידמונג)

דער ים — דער גרויסער שעהנער ים —
דאָס לאַנד — דאָס גרויסע שעהנע לאַנד,
קום אַהער ליעבעס שעהנע ווייב!
ס'שיינט אונז אַ וואונדער טרוים ביינאַנד...

דער גרויסער הימעל מיט זיין פראַכט
מיליאָנען שטערענס צויבער ליכט,
די פאַנטאַזיע פון טיעפע נאַכט
מיט אויפ־גאַנגס זון אין גלייך געוויכט...

דער טאָג האָט אויך גאָר גרויס באַדייט —
פאַר קראַפט און לוסט און לעבענס טאַקט,
טוריסטיש גליק אַ גרויסע צייט
און פאַרגעניגען אַ גרויסער אַקט...

אַלעגאָרישער ראָמאַנס

נייע וועלטען שיינען אויף —
דיין צאַרט וואונדערליך געשטאַלט,
טרוימהאַפט בליקסט דו מיידליש שעהן
גלייך אַ סטאַטו שטום און קאַלט...

כ׳קען מיין בענקשאַפט שוין צו פיעל —
דאָך באַוועלטיגסט אייביג מיך,
פיזיאָנאָמיש — רעטזעל ספינקס!
וואָס איז דיין קראַפט פרעג איך דיך?

און אַ ציטער געהט דורך מיר
פון אַ טיעפען לייד און שמערץ,
יאָהרען לויפען... לעבענס לוסט...
און מיר שיינט עס ווייַנט דיין הערץ...!

קריזיס

קריזיס — דו מענשען פיינד פון אַלע צייטען
וואָס ברענגסט די וועלט אין שמערץ און ליידען,
און קומסט באַרבאַריש אַזוי ווילד צו רייטען
און ס׳שיינט אַז ס׳איז נישט צו פאַרמיידען...

קריזיס — קומסט אוראַלט ווי וועלט און אייביגקייט —
אויף שלעכטע וועגען צו פאַרפיהרען,
שלאָגסט די פרוכט פון אַרבייט צו די ליידיגקייט
און שלאָגסט געווינען צום פאַרלירען...

דורך דיר ס׳מענשליכע צו דערגרייכען
כ׳וויל דאָך אַ בעסערען שליח,
און דיך יאָ טיעף צו וואַרפען אין די טייכען
דער גוטער וועט שוין זיין מצליח...

דו ביסט שוין אונז באַקאַנט פון פרעה׳ס צייטען
אַ מהלך פון טויזענטער יאָהרען,
אַ שלעכטען נאָמען זיך געמאַכט ביי לייטען
און קומסט דאָך אונפאַרשעמט צו פאָהרען...

שרעקסט דיך נישט זאָגאַר פאַר אַמעריקאַנער
„די מעכטיגע אינדוסטרי העלדען״
וואָס האָבען דאָס לאַנד ביי די רויט אינדיאַנער
געמאַכט דעם נאָמען גרויס צו מעלדען...!

אָ פאַרקום שוין קריזיס פון אַלע וועלטען,
פון אַלע ספערען, פירמאַנענטען,
פון אַלע מענשען, און אַלע געצעלטען,
פון קאָנטינענט — און קאָנטינענטען...!

אַז יעדער זאָל זיך זאָרגלאָז קענען זאָגען
אַ פריידיגען גליקליכען שאַלאָם,
און דו — קריזיס — זאָלסט דיך אויך דערשרעקען
פאַר דער גרויסער באָמבע פון אַטאָם.

נייע וועלט

אָ ווי העל און ליכטיג גייט דאָס לעבען
צו אונזער אידעאַל מיט גרויסע מאַכט,
און אַ יעדער מענש האָט זיך זיין שטרעבען
און עס לעבט זיך פריידיג אין טאָג און נאַכט.

עס שוועבען אַרום — מוזיק — געזאַנגען —
די הייזער זענען פרעכטיג וואונדער שעהן,
בוימער, בלומען דופט, און האַרפען קלאַנגען,
אין אַ יעדען מענש איז דאָס גליק צו זעהן.

און מאָרגען — צו היינט — און היינט — צו מאָרגען —
דאָס לעבען פון לויטער ליעבע באַשיינט,
אַלע מענשען זענען פריי פון זאָרגען
און אַלע מענשען אין ליעבע פאַראיינט.

ביים קבר שאַרל באָדלערס

אין דעם טעמפּפעל פון אייביגע ליעבע!
ביי דעם טראָהן פון זעעלישען הימעל רייך,
דאָרט רוהט דער גייסט פון טראַגישען דיכטער
פון שאַרל באָדלער'ן — ווען קען איהם פון אייך?

דאָך דאָ אויפ'ן אָרט באַגראָבען איז באָדלערס —
קערפּער אויף אייביג באַהאַלטען שוין לאַנג,
פון טראַגישען לעבען שמערץ און ליידען
פריי שוין אויף אימער, און אויך פון געזאַנג...

אָ שאַרל באָדלער! ווי שעהן איז דיין זעעלע —
דער הימעל פון ליעבע איז נישט פאַר דיר,
שיינסט זעלבסט „אידעאַל" פון „שעהנע אידעע"
דאָך דיין געטליך ליעבסטע? ביסט דו פרעמד איהר...!

ס'איז דיין שמערץ אַזוי גרויזאַם און שרעקליך,
דאָך טיעף באַהאַלטען אין הייליגען הערץ.
ס'פעהלט דיר די מעכטיגע שווערד פון „זיעגפריעד"
צי באַקעמפּפען דיין אונגליק, — אויך דיין שמערץ...

כ'בין אין טרויער נאָך דיר אָ שאַרל באָדלער!
און כ'קראַנץ דיין קבר מיט בלומען אַסאַך,
עס פאַרדריסט מיך דיין טראַגישעס לעבען
דיין ענדע — געלעהמט, באַרויבט פון די שפּראַך...!

פיזיאָנאָמיע „שאַרל באָדלער"

וועלט ציוויליזאַציאָן און קולטור!
האָ־האַ־האַ — ביסט וויט דערפון —
אָ מענשהייט! און שלעכט איז דיין נאַטור,
אויך דיין זעעלע — גייסט און זין...

שוין טויזענטער יאָהרען פאַרפלויגען,
טויזענטער יאָהרען פאַרביי —
און דו קריכסט נאָך אימער געבויגען
טראָגסט אַלץ אַ הויקער אויפס'ניי.

די גרויסע געניען און דענקער
זענען פאַר דיר אַ שפּיעלצייג,
און ווי איין אָפּפער ביי דעם הענקער
איז ביי דיר דאָס גליק אין שטייג.

און ווען דו זאָלסט דעם דענקער עהרען
דאָ מאַכט דו איהם גאָר צו שאַנד,
און נויגסט דיך פאַר מאָראַל און לעהרען
פון איין אידיאָטישען שטאַנד.

דער וועלט אינספּעקטאָר

וועלט געהיימניס פון צוקונפט צייטען !
כ׳זין דאָס בוך פון בלאַט צו בלאַט,
און וואַרף מיין בליק אין אַלע וייטען
דורך אידעען און דורך טהאַט.

און איבער וייטע האָריזאָנטען
פון הויך געבירג אויסגעזעהן —
די צוריקצוגען און די פראָנטען
דערשיינען מיר אָפט מאָל שעהן.

דאָך קלינגט מיר נישט געוויסער פסיכאָז
וועלט אידעאַליסטישען קלאַנג,
פון וואָס עס טרוימט דער וועלטען ווירטואָז
טויזענטער יאָהרען שוין לאַנג.

און צו גאָר נייע פּיראַמידען
איז דער מענש אימער פאַרשקלאַפט,
גלייך ווי אין עגיפּטען די אידען
באַרויבט פון לוסט מאַכט און קראַפט.

אין אַ ווירקליך אידעאַלע פלאַטע
זעהט זיך זאַגאַר נישט אין טרוים,
און מענש אַרטילערי — פּיעכאָטע
האַלטען וואורצלען ווי אַ בוים.

און איז׳ען ווערען פאַרגעסען
פון רעגירונג און שטאַאַט,
פון קעמפפער גוואַרדי — און טשערקעסען,
עס פעהלט זיי אַל געדאַנק און טהאַט . . . !

פּיזיאָנאָמיע „אָסקאַר ווײַלד"

איך האָב אויף איין אַלפּען בערג שפּאַציר
געזעהן אַ וואונדערליך בילד,
איך האָב מיך געשראָקען דעריבער
ס'האָט מיר געשיינט אַזוי ווילד.

ס'האָט געזעלשאַפט געטאַנצט קאַראַחאָד
און צו געזונגען אַ ליעד,
געטאַנצט האָבען זיי זעהר באַגייסטערט
און גאָר נישט װערענדיג מיעד.

פלוצלינג זיי שטעלען זיך אין רייהען,
באַגינען מיט שטורם אַ קריעג,
זיי שלאָגען זיך שטאַרק ווי טיטאַנען
ביז איין רייה דערגרייכט אַ זיעג.

און זיי טאַנצען גלייך דעם קאַראַהאָד
צאַרט באַגייסטערט ווי באַפּאָר,
און זינגען די פרייליכע טאַנץ ליעדער
אַלע צוזאַמען אין כאָר.

באַגרייף איך — בליק צו מיט אַ שמייכעל,
און שפּרעך צו מיר גאָר אַליין
זיי מוזען זיכער זיין מיטגליעדער
פון אַ טאַנץ און קריעגס פאַראיין...!

צום פריהלינג

איך גרוס דיך, שעהנער פריהלינג!
ביסט דאָך אימער גוט דאָס גליק צי שפּינען,
וואוינסט דאָך אויך אויף נויאָרקס פינפטע עוועניו
ביי די אַמעריקאַ גאַלאַנטינען.
און איז דאָס פּילייכט צו פריי געשפּראָכען?
אַזוי שפּרעך איז דאָס צוריק... ס'איז נישט צו שפּעט...
דו לאַכסט? געסטערען בין איך איין בודהאַ —
היינט גרעק — און מאָרגען ביבלישער פּראָפהעט?
זאָג איך דיר, אַז ס'האָט אויך „קעניג שלמה"
איינגערוימט שעהנע פּרויען געשטאַלטען,
אַ מאָל אַ וואָרט פון מענשליכען געמיט
טראָטץ דעם וואָס זיי האָבענס נישט, באַהאַלטען...
ס'איז שעהן די חכמה מלך שלמה'ס!
אויך דודס געזאַנג און האַרפען ווימלען,
עס קומט די וועלט און דאָס ליעד פון ליעבע
פון די וואונדערליכסטע שעהנסטע הימלען...!

דער באָהעם

איך געה און קום, און כ'קום און געה,
ווי איהר פאַרשטייט, און איך פאַרשטעה.
עס איז אַ טאַנץ פון אַ געה און געה
אין אַ דריי רעסטאָראַן קאַפע.

קאָסמאָפאָליטאַן, אָריענטאַל,
דאָס דריטע הייסט גאָר נור „קאַפע",
דאָ טאַנץ איך מיר אַ דריילינג טאַנץ
ווי איהר פאַרשטעהט און איך פאַרשטעה.

און ווען ס'באַגעגענט מיך אַ פריינד
און פרעגט מיך ליעבסטער מענש! ווי גייט'ס?
דאָ זאָג איך איהם נישט זאָרג מיין פריינד,
איך בין דאָך אין יונייטעד סטייטס.

און ווער איך איין מאָל צאָרנינג בייז
אין מיין באַוועגען זיך אין קרייז,
ווען איין קאָמעט מאַכט מיר אַ שפרייז
און טרעט מיין הין־אויג אָן מיט פלייס? —

דאָ שפרינג איך אויף זעהר צאָרנינג הייס
קאָמעט! קאָמעט! ביסט מיר נישט פיין,
איך וויל דו זאָלסט מיר עדעל זיין
צום טראָטץ אויך דאָס וואָס ביסט מיר קליין.

אָריענטאַלישער ראָמאַנס

אַ צאַרטער שטראַהל געהילט פון בלויען עטהער
לבנה ליכט — עס שיינט אַ ווייטער שטערען,
און אַ טרוים וועלט בליהט אויף פאַר מיינע אויגען
ווי מיין זעעלע קען זיך נישט אויסצערען...!

אַ ליעבסטע! כ׳האָב דיך אין מיין טרוים געזעהען
אין מיין וואַנדער טאָג קיין מאָל פאַרגעסען,
ביי די שטאָלצע צעדערען פון ליבאַנאָן
רופט אויס מיין שטימע — הערליכסטע פרינצעסין...!

פיעל גרינע מירטען און לאָרבער צווייגען
האָב איך געזאַמעלט אַ קראַנץ צו בינדען
פון די הערליכסטע פאַלמען און ציפּרעסען
און בליהונגען פון די שעהנסטע לינדען...

אַ עדעלסטע — הויך איז דער טאַנץ פון ליעבע
ווי די ליעבע שלמה׳ס און שולמית
דיינע אויגען זענען צוויי בלויע שטערען
גלייך ווי ביי דער שעהנער סעמיראַמיס...

די נאַכטיגאַל וועט זינגען שעהנסטע ליעדער
האַרפען וועלען ווימלען שעהנסטע קלאַנגען
דער היליגער וואַלד וועט זיין אַ קעניגרייך
פון גליק און וואונדערליכסטע געזאַנגען.

און זאָג אָ ליעבסטע! מיר אַ וואָרט פון ליעבע —
צו ליעבסט דו מיך נישט? זאָלסט דו מיר דערקלערען
אָבער איך וועל דיך אין אייביגקייט געדענקען
לוסט באַוועלטיגט, לעבענדיגע באַגערען.

צום זכרון י. ל. פרץ

ס'איז צייט אָ גרויסע וועלטען מאַכט !
אַז דיין ווילדע הערשאַפט זאָל זיין אַ סוף,
פאַרזונקען זאָל דיין שוואַרצע נאַכט
און לעבען טריאומפירען זאָל דערויף.

פינסטער — פינסטער איז די נאַכט היינט
אין דעם הימעל צו זעהן איז קיין באַגער,
און טרויער באַוואוסט פריינד און פיינד
אַז דער דיכטער „פרץ" איז נישט דאָ מער.

איין מענש פון זעעלע און פון גייסט —
פאָעט און קינסטלער פון געדאַנק און וואָרט,
ווער עס ווייסט נישט, און ווער עס ווייסט —
דאָך די העלדען גייסטער פון יעדען אָרט.

טיעף אין געדאַנק, און טיעף אין הערץ,
און די נשמה און זעעלע פאַראייגנט —
וועט יעדער פיהלען טיעפען שמערץ
נאָך דעם גרויסען גייסט וואָס האָט העל געשיינט, —

ווי ס'שיינט אַ זון אין הימעלס רוים,
דאָך שוין נישט דאָ מער איז דער גייסטער העלד —
פון געדאַנק, אידעע, און פון טרוים,
דו האָסט פאַרלוירען — גרויסע, גרויסע וועלט . . . !

מיט שיף און באַן און עראָפּלאַן

אַ נייע וועלט, אַ נייער מענש געבוירען...!
אַ נייער פריהלינג, און אַ נייער הימעל,
און אַ נייעס לעבען קומט אָן פון ווייטען
מיט מוזיק באַגלייט און האַרפען געווימעל.

ערשאַל מוזיק דיין הערליך שעהנסטע הימנע —
אַ הימנע מאַרש פאַר נייעס גליק און לעבען,
אַ נייע עראַ זאָל פון היינט באַגינען
פון ליעבע, מענשליכקייט, און הויך באַשטרעבען...!